בעזרת השם יתברך

ספר

# אשר היה אל יואל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט די זכיה צו הערן

**פונעם ראש ישיבה שליט"א,**

שבת קודש פרשת מקץ- שבת חנוכה, שנת תשפ"ג לפרט קטן,
אין שטעטל, קרית ברסלב ליבערטי יע"א, ביים סעודת ליל שבת
און ביים באטע, און ביי סעודה שלישית און ביים מלוה מלכה.

בעזרת השם יתברך

# היכל הקודש ברסלב

## וויליאמסבורג
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
718.384.1652

## בארא פארק
4801 11th Ave
Brooklyn NY 11219
718.384.1652

## קרית יואל
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
845.467.5299

## קרית יואל
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
845.243.0563

## בלומינגראוו
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
845.238.0804

## מאנסי
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
347.733.7551

## לונדון
23A St Andrew's Grove
447388582855

## קרית ברסלב
ליבערטי - ניו יארק

### האשקי
181 Huschke Road,
Liberty NY 12747

### אשר בנחל
291 Denman Rd,
Liberty, NY 12754

### עצתו אמונה
187 Twin Bridge Rd,
Liberty, NY 12754,

### פעולת הצדיק
2-198 Steiglitz Rd,
Liberty, NY 12754,

### מקור השמחה
67-1 Marx St,
Liberty, NY 12754,

### ירושלים
21-1 jerusalem St,
Liberty, NY 12754,

## ירושלים
רח' רבי נחמן מברסלב 15
054-845-6150

## בני ברק
רח' ירושלים 2
052-760-5715

## טבריה
רח' משה שפירא 2
050-411-6421

## בית שמש
רח' ריב"ל 6
050-419-9751

## ברכפלד
רח' רשבי 19
052-715-6479

## יבנאל
רח' המייסדים
052-716-3184

## צפת
רח' צהל 1
050-412-6101

נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
718.387.2691

צו הערן די
הערליכע שיעורים פונעם ראש
ישיבה שליט"א
רופט:
**קול ברסלב**
212.444.9191
**חיזוק פאר אידישע שטוב**
212.444.9169

צו באקומען וועכנטליך
**דעם ספר,**
**ביטע שרייבט צו:**
smbreslev1212@gmail.com

## שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, שַׁבַּת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א גֶעוֶוען אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב – לִיבֶּערְטִי יע״א.

## מִיר בְּרֶענְגֶען דָא אַ חֵלֶק פוּן דִי תּוֹרָה וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט גֶערֶעדְט בַּיי דִי סְעוּדָה.

### פַּרְעֹה'ס חָלוֹם

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן: עֶס שְׁטֵייט דִי וָואךְ אִין דִי פַּרְשָׁה אַז פַּרְעֹה הָאט זִיךְ גֶע'חָלוֹמְ'ט אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חָלוֹם, עֶס קוּמֶען אַרוֹיס פוּנֶעם טַייךְ זִיבְּן שֵׁיינֶע פֶּעטֶע קִיעֶן אוּן זֵיי פַּאשֶׁעְן בַּיי דִי גְרָאז אַרוּם דִי וַואסֶער, נָאכְדֶעם קוּמֶען אַרוֹיס זִיבְּן מָאגֶערֶע קִיעֶן, אוּן דִי מָאגֶערֶע קִיעֶן עֶסְן אוֹיף דִי פֶּעטֶע קִיעֶן, אוּן מֶען זֶעט נִישְׁט אָן אוֹיף זֵיי אַז זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעסְן דִי פֶּעטֶע קִיעֶן, פַּרְעֹה וֶועקְט זִיךְ אוֹיף זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר לֵייגְט זִיךְ צוּרִיק שְׁלָאפְן אוּן חָלוֹמְ'ט נָאךְ אַ חָלוֹם, זִיבְּן שֵׁיינֶע פֶּעטֶע זַאנְגֶען פוּן וֵוייץ קוּמֶען אַרוֹיס, נָאכְדֶעם קוּמֶען אַרוֹיס זִיבְּן מָאגֶערֶע זַאנְגֶען, אוּן דִי מָאגֶערֶע זַאנְגֶען עֶסְן אוֹיף דִי פֶּעטֶע זַאנְגֶען, אוּן מֶען זֶעט נִישְׁט אָן אוֹיף זֵיי אַז זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעסְן דִי פֶּעטֶע זַאנְגֶען, פַּרְעֹה הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, אוּן עֶר הָאט שְׁנֶעל גֶערוּפְן אַלֶע 'פּוֹתְרֵי חֲלוֹמוֹת', דִי פּוֹתְרֵי חֲלוֹמוֹת זָאגְן אִים שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאכְן, אוּן פַּרְעֹה אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּן וָואס זֵיי זָאגְן, עֶר אִיז גֶעוָוארְן בְּרוֹגֶז אוֹיף זֵיי אוּן עֶר הָאט זֵיי אָנְגֶעשְׁרִיגְן.

פְּלוּצְלוּנְג קוּמְט דֶער שַׂר הַמַּשְׁקִים, עֶר זָאגְן פַאר פַּרְעֹה אַז עֶס אִיז דָא אַ אִיד פוּן תְּפִיסָה וָואס קֶען פּוֹתֵר חָלוֹם זַיין, יוֹסֵף קוּמְט אוּן פַּרְעֹה פְּרֶעגְט אִים: **״אִיךְ הֶער זָאגְן אַז דוּ קֶענְסְט פּוֹתֵר חָלוֹם זַיין?״** זָאגְט אִים יוֹסֵף (בְּרֵאשִׁית מא, טז): **״בִּלְעָדָי, אֱלֹקִים יַעֲנֶה אֶת שְׁלוֹם פַּרְעֹה״**, אִיךְ קֶען גָארְנִישְׁט, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קֶען אִיךְ זַיין דַיין שָׁלִיחַ דִיר צוּ הֶעלְפְן, יוֹסֵף זָאגְט אִים פִּינְקְטְלִיךְ וָואס עֶס גֵייט זַיין, אַז עֶס גֵייעֶן קוּמֶען זִיבְּן פֶּעטֶע יָארְן וָואס דִי פְּרַייזְן גֵייעֶן אַרוֹיף גֵיין, אוּן נָאכְדֶעם גֵייט קוּמֶען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע הוּנְגֶער פַאר זִיבְּן יָאר, וָואס מֶען גֵייט אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען פְּרִיעֶר גוּטֶע יָארְן, אוּן יוֹסֵף הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט זַיינֶע וֶוערְטֶער: דוּ דַארְפְסְט זוּכְן אַ חָכָם וָואס קֶען אָנְגְרֵייטְן דֶעם לַאנְד, עֶר זָאל אַוֶועקְלֵייגְן אַסַאךְ תְּבוּאָה כְּדֵי דָאס לַאנְד זָאל נִישְׁט אוֹיסְגֵיין פוּן הוּנְגֶער, הָאט פַּרְעֹה גֶעגֶעבְּן אַ שְׁרֵיי אוֹיס: **״אִיךְ נֶעם דִיךְ אוֹיף פַאר מִשְׁנֶה לְמֶלֶךְ, דוּ נֶעם אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע לַאנְד״.**

## פַאר'וואס איז פַּרְעֹה גֶעוואָרן אַזוֹי אִיבֶּער גֶענוּמֶען פוּן יוֹסֵף?!

פַאר'וואס איז פַּרְעֹה גֶעוואָרן אַזוֹי אִיבֶּער גֶענוּמֶען וֶוען יוֹסֵף הָאט אִים גֶעזָאגט דֶער בַּאדֵייט פוּן דֶער חָלוֹם מֶער ווִי דִי אַנְדֶערֶע פּוֹתְרֵי חֲלוֹמוֹת?

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז עֶס מַסְבִּיר זֵייעֶר שֵׁיין, וֶוען פַּרְעֹה הָאט גֶערוּפְן זַיינֶע פְּסִיכַאלָאגְן, פְּסִיכִיַאטֶער'ס אוּן טֶערֶעפִּיסְטְן, הָאבְּן זֵיי אַלֶע גֶעזָאגְט: "מִיר וֶועלְן דִיךְ הֶעלְפְן, מִיר וֵוייסְן דֶער בַּאדֵייט פוּן דַיינֶע חֲלוֹמוֹת", וֶוען יוֹסֵף אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פַּרְעֹה הָאט אִים פַּרְעֹה גֶעזָאגְט: "אִיךְ הֶער זָאגְן אַז דוּ טוֹיגְסְט", הָאט יוֹסֵף זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אִיךְ טוֹיג גָארְנִישְׁט, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן וֶועל אִיךְ הָאבְּן רִיכְטִיגֶע וֶוערְטֶער", אַז אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאבְּן זַיינֶע וֶוערְטֶער חֵן!

וֶוען אֵיינֶער רוּפְט אָן אַרְבֶּעטֶער צוּ פַארֶערְכְטְן אַ וַואשׁ מַאשִׁין, אַ דְרֵייעֶר וְכַדוֹמֶה, אוֹיב זָאגְט עֶר: "אִיךְ וֶועל עֶס מַאכְן", שְׁטֶעכְט עֶס אִין דִי אוֹיגְן, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד זָאגְט: "מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ עֶס מַאכְן", "אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם וֶועל אִיךְ עֶס מַאכְן", "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אַז אִיךְ וֶועל עֶס מַאכְן".

## דֶער דַיָּין אִיז זֵייעֶר נִתְפָּעֵל גֶעוואָרְן

נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּיי קְלַאפְּן אַ מְזוּזָה בַּיי אֵיינֶעם אִין שְׁטוּב, הָאבּ אִיךְ דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן הֲפָצָה, וָואס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס מֶען קֶען טוּן אִין הֲפָצָה? - עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ דַיָּין אִין אַ קְהִלָּה וָואס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַקֶעגְן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, לֶעצְטְנְס הָאט עֶר גֶעוואָלְט אִיבֶּער בּוֹיעֶן זַיין הוֹיז אִין קַאנְטְרִי, הָאט עֶר גֶענוּמֶען אַ תַּלְמִיד פוּן יְשִׁיבָה, אַ אִינְגֶערְמַאן מִיט אַ דְזְשֶׁעקֶעט, מִיט גְרוֹיסֶע שִׁיךְ, זָאל עֶס אִיבֶּערְבּוֹיעֶן.

דֶער דַיָּין אִיז מוֹרָא'דִיג נִתְפָּעֵל גֶעוואָרְן פוּן דֶעם אִינְגֶערְמַאן, דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט זֵייעֶר נוֹשֵׂא חֵן גֶעוֶוען בַּיי אִים, עֶר הָאט גֶעזֶען ווִי אַ אִינְגֶערְמַאן מִיט אַ דְזְשֶׁעקֶעט אוּן גְרוֹיסֶע שִׁיךְ רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דַאוֶוענְט עֶרְלִיךְ אוּן פָּאפְּט נִישְׁט אוֹיס, דֶער דַיָּין הָאט בַּאקוּמֶען אַן אַנְדֶערֶע בְּלִיק אוֹיף בְּרֶסְלֶב.

## מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף

בְּשָׁעַת אִיךְ הָאבּ דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ אַ אִינְגֶערְמַאן אָנְגֶערוּפְן אַז עֶר הָאט אִינְסְטָאלִירְט אַן עֶירְקָאנְדִישַׁאן בַּיי אַ רָב אִינְדֶערְהֵיים, אוּן דֶער רָב הָאט זִיךְ אֵיינְמָאל אוֹיפְגֶערֶעגְט, עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט: "זָאג מִיר צִי דוּ גֵייסְט עֶס עֶנְדִיגְן הַיינְט", הָאט דֶער אִינְגֶערְמַאן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס

הִילְף וֶועל אִיךְ עֶס עֶנְדִיגְן", הָאט דֶער
רָב אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייעֶן: "דוּ הֶערְסְט
נִישְׁט אוֹיף מִיט 'מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס
הִילְף', 'מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף',
'מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף', זָאג מִיר
קְלָאר אוֹיבּ דוּ גֵייסְט עֶס עֶנְדִיגְן, יָא צִי
נֵיין?!"

אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן דֶערְשְׁרָאקְן, אַזוֹי
רֶעדְט אַ רָב וֶוען אֵיינֶער זָאגְט אִים
'מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף'?! - דָאס
אִיז דָאךְ דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ
זָאגְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְ'נְס הִילְף.

## וֶוען אִיךְ הֶער אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה וֶוערְט בַּיי מִיר אַן עֶקְס

וֶוען אִיךְ הֶער אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, בְּלַייבְּט עֶס בַּיי מִיר שְׁטֶעקְן, אִיךְ קֶען דָאס נִישְׁט פַארְגֶעסְן, אִיךְ קֶען מֶענְטְשְׁן וָואס הַיינְט זֶענֶען זֵיי שֵׁיינֶע רַבָּנִים, אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעהֶערְט פַאר צְוָואנְצִיג יָאר צוּרִיק רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, אִיךְ קֶען זֵיי נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן עַד הַיּוֹם.

אַ בָּחוּר הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט: "אִיךְ בִּין שׁוֹין אַפָּאר יָאר אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאבּ אֵיינְמָאל גֶערֶעדְט אַ וָוארְט פוּן נִיבּוּל פֶּה אוּן אֵיינֶער אִיז דָאס גֶעגַאנְגֶען אִיבֶּער זָאגְן פַאר רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קַיין וֶועג צוּ תְּשׁוּבָה טוּן, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט דָאס נִישְׁט פַארְגֶעסְן", הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, דוּ קֶענְסְט תְּשׁוּבָה טוּן, נָאר לָאמִיר זֶען צִי דוּ וֶועסְט תְּשׁוּבָה טוּן".

אַ מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה אִיז אַן עֶקְלְדִיגֶער מֶענְטְשׁ, וֶוען אִיךְ הֶער אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה וֶוערְט בַּיי מִיר אַן עֶקְס (אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל רוּפְט מֶען עֶס אַן אִיקְס) אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ. וֶוען אִיךְ הֶער אַ בָּחוּר רֶעדְן שְׁמוּצִיג, קֶען עֶר לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, עֶס אִיז בַּיי מִיר אַלֶעס גָארְנִישְׁט, אוֹיבּ רֶעדְט עֶר אֵיידְל, עֶר רֶעדְט דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, עֶר זָאגְט "אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם", "מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף", "בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם", דָאס אִיז בַּיי מִיר חָשׁוּב.

דָאס אִיז דֶער טַעַם פַארְוָואס יוֹסֵף הָאט בַּאקוּמֶען חֵן בַּיי פַּרְעֹה, וַוייל וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פַּרְעֹה הָאט עֶר גְלַייךְ גֶעזָאגְט: "אִיךְ קֶען גָארְנִישְׁט, אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיךְ הֶעלְפְן וֶועל אִיךְ קֶענֶען בַּאשֵׁיידְן דֶעם חָלוֹם".

## דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הֲפָצָה

עֶס אִיז דָא אַ הֲפָצָה פוּן אַרוּם גֵיין טֵיילְן סְפָרִים, נָאכְדֶעם אִיז דָא אַ הֲפָצָה אַז אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ אוֹיף גוּט; אִיךְ קֶען נִישְׁט צוּ זִיךְ קוּמֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם דַיָּין, וַוייל גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֶעהֶערְט אִין קְהִלָּה הֶערְט אַז דַיין זוּן וִויל אָנְהֵייבְּן אוֹיסְהֶערְן בְּרֶסְלֶב, לוֹיפְט עֶר גְלַייךְ צוּ זַיין דַיָּין, אוּן אוֹיבּ דֶער דַיָּין רֶעדְט אַנְטְקֶעגְן דֶעם פְּלַאץ, וֶועט עֶר נִישְׁט לָאזְן זַיין זוּן

מְקוֹרָב וֶוערְן, אוּן יֶענֶער דַיְין אִיז זֵייעֶר נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אִינְגֶערְמַאן זָאל אִים גֶעמֶען אוֹיף אַ בַּאזוּךְ אִין זַיין קַאר, עֶר ווִיל זֶען דִי שְׁטֶעטְל, אַלֶע הַייזֶער וְכוּ׳, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הֲפָּצָה.

## שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מִקֵץ, שַׁבָּת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א גֶעוֶוען אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב – לִיבֶּערְטִי יע״א.

## פְרַייטָאג צוּנַאכְטְס בַּיים בָּאטֶע הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א גֶערֶעדְט הֶערְלִיכֶע דִבְרֵי הִתְחַזְקוּת אִין דֶעם עִנְיָן פוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### דֶער רֶבִּי אוּן אַלֶע צַדִיקִים זֶענֶען דָא!

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר קֶענֶען זִיךְ צוּזַאם נֶעמֶען שַׁבָּת חֲנוּכָּה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען דִי דְרֵיי מָאל צוּ אִים, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבָּת חֲנוּכָּה אוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת - וֶועט נִיצוֹל וֶוערְן פוּנֶעם עוֹנֶשׁ פוּן עוֹלָם הַתֹּהוּ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז דָא, ווִי מוֹהֲרְנַ״ת הָאט גֶעזָאגְט: ״וואוּ עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם צֶען מֶענְטְשְׁן, אִיז דֶער רֶבִּי דָארְט אוּן רֶבִּי נָתָן אִיז דָארְט!״ עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶוער דִי צֶען מֶענְטְשְׁן זֶענֶען, עֶס קֶען זַיין צֶען בָּחוּרִים, צֶען אִינְגֶעלַייט, צֶען אִינְגְלֶעךְ אוּן אֲפִילוּ אַ גְרוּפֶּע פְּרוֹיעֶן, צֶען פְּרוֹיעֶן, צֶען מֵיידְלֶעךְ; דֶער עִיקָר אִיז אַ מִנְיָן אִידְן וָואס גְלֵייבְּן אִין רֶבִּי׳ן, אוּן מֶען רֶעדְט פוּן רֶבִּי׳ן אָן קַיין לֵיצָנוּת, מֶען מַאכְט נִישְׁט קַיין חוֹזֶק פוּן אַנְדֶערֶע.

מֶען דַארְף נִישְׁט מְקַנֵא זַיין אַז דֶער רֶבִּי אִיז ׳נָאר׳ דָא, דוּ קֶענְסְט מַאכְן אַז דֶער רֶבִּי זָאל זַיין אוֹיךְ בַּיי דִיר, אַ דָבָר רוּחָנִי אִיז נִישְׁט תּוֹפֵס אַ פְּלַאץ אַז עֶס אִיז נָאר דָא אוּן נִישְׁט עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ, וואוּ עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם צֶען מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין רֶבִּי׳ן אִיז דֶער רֶבִּי דָארְט.

רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ אַמָאל צוּפֵייעֶרְט בַּיים קִיבּוּץ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן: ״דֶער רֶבִּי אִיז דָא, אוּן אַז דֶער רֶבִּי אִיז דָא זֶענֶען אַלֶע שִׁבְעָה רוֹעִים דָא, אוּן אַלֶע צַדִיקִים זֶענֶען דָא!״

## עוֹלָם הַתֹּהוּ

דער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַעֲשֶׂה וָואס עֶר הָאט גֶעזֶעְן אִין אַ פִּנְקָס (עַיֵּין בְּסֵפֶר פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תתמו). עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ רָב וָואס הָאט גֶעהַאט אַ נָאנְטֶער חַבֵר, זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט אַן אָפְּמַאךְ צְוִוישְׁן זִיךְ אַז וֶוער עֶס וֶועט אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט פְרִיעֶר וֶועט קוּמֶען אִין חָלוֹם פוּן יֶענֶע וֶועלְט דֶערְצֵיילְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ אוֹיבְן, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ ׳תְּקִיעַת כַּף׳ אֵיינֶער פַארְ׳ן צְוֵוייטְן, וָואס דָאס אִיז אַזוֹי וִוי אַ שְׁבוּעָה.

דֶער רָב אִיז קוֹדֶם אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, זַיין חַבֵר וַוארְט אַז דֶער רָב זָאל קוּמֶען צוּ אִים אִין חָלוֹם, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ וָואךְ אוּן דֶער רָב קוּמְט נִישְׁט, דֶער חַבֵר טְרַאכְט: ׳אֶפְשָׁר נָאךְ דִי שִׁבְעָה וֶועט עֶר קוּמֶען׳, אָבֶּער עֶר בַּאוַוייזְט זִיךְ נִישְׁט, עֶר טְרַאכְט וַוייטֶער: ׳אֶפְשָׁר נָאךְ דִי שְׁלוֹשִׁים׳, ׳אֶפְשָׁר נָאךְ דִי יָאר, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֵדֻיּוֹת, פֶּרֶק ב, מִשְׁנָה י): **״מִשְׁפַּט רְשָׁעִים בְּגֵיהִנּוֹם שְׁנֵים עָשָׂר חוֹדֶשׁ״**, אַ רָשָׁע מִשְׁפָּט מֶען אִין גֵיהִנוֹם צְוֶועלְף חֳדָשִׁים, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַ רָב בְּיִשְׂרָאֵל נָאךְ צְוֶועלְף חֳדָשִׁים וֶועט עֶר שׁוֹין קוּמֶען׳, לְמַעֲשֶׂה דֶער רָב קוּמְט נִישְׁט. עֶס גֵייט אַרִיבֶּער צְוַויי יָאר, דְרַיי יָאר, פִיר יָאר, פִינְף יָאר, צֶען יָאר אוּן דֶער רָב קוּמְט נִישְׁט אִין חָלוֹם.

דֶער חַבֵר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַלְט, עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהַאלְטְן פַארְ׳ן אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט, הָאט עֶר גֶערוּפְן זַיין זוּן אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז נִישְׁט מְוַותֵּר אוֹיף דֶעם תְּקִיעַת כַּף פוּן יֶענֶעם רָב, אוּן עֶר גֶעבְּט עֶס אִיבֶּער פַאר אִים, אַז דֶער רָב מוּז נָאךְ קוּמֶען צוּ זַיין זוּן, אוּן דֶער חַבֵר אִיז אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט.

דֶער זוּן וָוארְט נָאךְ אַ יָאר אוּן נָאךְ אַ יָאר, עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער נָאךְ צֶען יָאר, עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיךְ אַלְט גֶעוֶוען, הָאט עֶר גֶערוּפְן זַיין זוּן אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז נִישְׁט מְוַותֵּר אוֹיף דֶעם תְּקִיעַת כַּף וָואס מַיין טַאטֶע הָאט גֶעהַאט מִיט יֶענֶעם רָב, דֶער רָב מוּז נָאךְ קוּמֶען צוּ דִיר, אוּן דֶער זוּן אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן. דֶער אֵייניקְל וַוארְט אַ יָאר אוּן נָאךְ אַ יָאר בִּיז עֶס אִיז שׁוֹין אַכְט יָאר, נָאךְ אַכְט יָאר חָלוֹמְ׳ט עֶר זִיךְ וִוי דֶער רָב קוּמְט צוּ אִים אִין חָלוֹם. אַז מֶען רֶעכְנְט עֶס צוּזַאם קוּמְט עֶס אוֹיס צוּ אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג יָאר!

דֶער רָב זָאגְט פַארְ׳ן אֵייניקְל: ״יֶעצְט הָאט מֶען מִיר גֶעגֶעבְּן רְשׁוּת אַז אִיךְ קֶען אַרָאפּ קוּמֶען דֶערְצֵיילְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ אוֹיבְן אִין הִימְל״, פְּרֶעגְט דֶער אֵייניקְל: ״וָואס אִיז גֶעוֶוען מִיט אַייךְ בִּיז יֶעצְט?״ עֶנְטְפֶערְט אִים דֶער רָב: ״בִּיז יֶעצְט בִּין אִיךְ גֶעשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן מִיטְ׳ן שְׁטְרָאף וָואס הֵייסְט ׳עוֹלָם הַתֹּהוּ׳, וֶוען מֶען הָאט מִיךְ אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין דֶער עֶרְד, הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִמְיוֹנְ׳עְן אַז אִיךְ לֶעבּ, אִיךְ הָאבּ אַרוֹיס גֶעקְרָאכְן פוּן קֶבֶר וְכוּ׳״.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סְפָרִים אַז דִי שְׁטְרָאפְן פוּן ׳עוֹלָם הַתֹּהוּ׳ אוּן ׳כַּף הַקֶּלַע׳ אִיז אַן עֶרְגֶערֶע צַעַר פוּן גֵיהִנוֹם; דָאס אִיז נָאךְ פַאר מֶען קוּמְט אָן צוּם ׳בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה׳, נָאךְ פַאר מֶען

קוּמְט אָן צוּם גֵיהִנוֹם, וֶוען מֶען קוּמְט שׁוֹין אָן אִין גֵיהִנוֹם אִיז שׁוֹין גוּט, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער דִי פָּאר חֳדָשִׁים דִי נְשָׁמָה וֶוערְט אוֹיסְגֶעלַייטֶערְט אוּן מֶען הָאט מֶער נִישְׁט קֵיין צַעַר, אָבֶּער ווִילַאנְג מֶען דְרֵייט זִיךְ אִין עוֹלָם הַתֹּהוּ אִיז דָאס אַ מוֹרָא׳דִיגֶע צַעַר פַאר דִי נְשָׁמָה.

הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: ״אָבֶּער וֶוער עֶס קוּמְט צוּ מִיר דִי דְרֵיי זְמַנִּים, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבַּת חֲנוּכָּה אוּן שָׁבוּעוֹת, וֶועט נִיצוֹל וֶוערְן פוּן עוֹלָם הַתֹּהוּ״.

## עוֹלָם הַתֹּהוּ אוֹיף דֶער וֶועלְט!

וָואס אִיז דָאס עוֹלָם הַתֹּהוּ? בְּפַּשְׁטוּת מֵיינְט מֶען אַז עֶס אִיז אַ זַאךְ וָואס קֶען גֶעשֶׁען וֶוען מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, אָבֶּער מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז דָא נָאךְ אַן עוֹלָם הַתֹּהוּ, עֶס אִיז דָא אַן עוֹלָם הַתֹּהוּ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אוּן אַן עוֹלָם הַתֹּהוּ אוֹיף דִי וֶועלְט, מֶען קֶען זַיין אִין עוֹלָם הַתֹּהוּ נָאךְ פַאר׳ן שְׁטַארְבְּן, אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קֵיין צַדִּיק, עֶר לֶעבְּט נִישְׁט מִיט׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז עֶר אִין עוֹלָם הַתֹּהוּ.

מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן מִיר כְּסֵדֶר, ״צוּ וָואס דַארְפְסְטוּ הָאבְּן דֶעם רֶבִּי׳ן? מִילָא שְׁוַואכֶע בָּחוּרִים אוּן שְׁוַואכֶע אִינְגֶעלַייט וֶוערְן מְקוֹרָב זֵיי דַארְפְן הָאבְּן חִיזוּק, אָבֶּער דוּ בִּיסְט דָאךְ נִישְׁט גֶעוֶוען שְׁוַואךְ, דוּ הָאסְט יֶעדְן טָאג גֶעלֵייגְט תְּפִילִין, דוּ הָאסְט יֶעדֶע וָואךְ גֶעהִיטְן שַׁבָּת, דוּ בִּיסְט שְׁטֶענְדִיג גֶעגַאנְגֶען מִיט צִיצִית, דוּ הָאסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעגֶעסְן קֵיין חָמֵץ אִין פֶּסַח – אוֹיבּ אַזוֹי פַארְוָואס דַארְפְסְטוּ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ?!״ – בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ הָאבּ טַאקֶע יֶעדְן טָאג פוּן מַיין בַּר מִצְוָה גֶעלֵייגְט תְּפִילִין, אִיךְ הָאבּ יֶעדֶע וָואךְ גֶעהִיטְן שַׁבָּת, פוּן דְרֵיי פִיר יָאר, אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיסְגֶעטוּן דִי צִיצִית, אוּן אִיךְ הָאבּ טַאקֶע נִישְׁט גֶעגֶעסְן קֵיין חָמֵץ אִין פֶּסַח, אָבֶּער דָאס אִיז אַ טָעוּת, מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען וֶוער דַארְף הָאבְּן דֶעם רֶבִּי׳ן נָאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ אַוֶועק גֶעפַאלְן פוּן דִי תּוֹרָה, עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי; אַ מֶענְטְשׁ קֶען זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דִי תּוֹרָה, צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ הֲלָכָה, זַיין אַ מְדַקְדֵק בְּקַלָּה כְּבַחֲמוּרָה, אָבֶּער אַז עֶר לֶעבְּט נִישְׁט מִיט׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיז עֶר אִין עוֹלָם הַתֹּהוּ!

## וָואס אִיז שֵׂכֶל אוּן דִמְיוֹן?

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן כה): ״צָרִיךְ כָּל אָדָם לְהוֹצִיא אֶת עַצְמוֹ מֵהַמְדַמֶּה, וְלַעֲלוֹת אֶל הַשֵּׂכֶל״, אַ מֶענְטְשׁ מוּז אַרוֹיס גֵיין פוּן דִמְיוֹן אוּן קוּמֶען צוּם שֵׂכֶל. וָואס מֵיינְט דָאס? מֶען דַארְף קוּקְן וָואס דִי מְפָרְשִׁים זָאגְן, עֶס אִיז הַיינְט דָא טִיפֶע סְפָרִים אוֹיף לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, אָבֶּער אוּנְז וֶועלְן דָאס

לֶערְנֶען אַזוֹי ווִי מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט פָּשׁוּט, מוֹהֲרָא"ש זָאגְט: כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיין גַאנְצֶע מַחֲשָׁבָה אִיז נָאר: 'אִיךְ הָאבּ', 'אִיךְ גֵיי הָאבְּן', 'אִיךְ גֵיי קוֹיפְן', 'אוּן נָאךְ אַבִּיסְל וֶוערְט פַארְטִיג מַיין הוֹיז', - אִיז עֶר אֵיין שְׁטִיק דִמְיוֹן!

אַ בָּחוּר דֶערְצֵיילְט מִיר אַז עֶר הָאט אַ חַבֵר אִין בָּארָא פַּארְק ווָאס זַיין שְׁוֶוער הָאט אִים גֶעקוֹיפְט אַ טֵייעֶרֶע הוֹיז פַאר אַ "מִילְיָאן אוּן צְווֵי הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלֶער", יֶענֶער וואוֹינְט שׁוֹין צְוֵויי יָאר אִין דֶעם הוֹיז, יֶעצְט הָאט עֶר זִיךְ אַרוֹיס גֶעצוֹיגְן פוּן דָארְט, מֶען גֵייט אַרָאפּ ווַארְפְן דֶעם הוֹיז אוּן מֶען גֵייט עֶס אִיבֶּערְבּוֹיעֶן... עֶס אִיז אַ הִימְל גֶעשְׁרֵיי, אַ הֶערְלִיכֶע הוֹיז, מֶען הָאט שׁוֹין אַרַיין גֶעלֵייגְט דֶערִין אַזוֹיפִיל גֶעלְט, פַארְוָואס דַארְף מֶען עֶס אִיבֶּערְבּוֹיעֶן?! נָאר אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט נִישְׁט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט אִים דָאס לֶעבְּן אוֹיסְגֶעוֶועפְּט, גָארְנִישְׁט אִיז אִים נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט, דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אַ דִמְיוֹן, עֶר לֶעבְּט אִין עוֹלָם הַתֹּהוּ.

## ווִי לַאנְג אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט אַ נֵייעֶ קַאר?

ווִי לַאנְג אִיז אִינְטֶערְסַאנְט אַ נֵייעֶ קַאר? אָנְהֵייבּ וֶוען מֶען קוֹיפְט אַ נֵייעֶ קַאר, אִיז מֶען פַארְנוּמֶען צוּ ווַייזְן פַאר יֶעדְן: "קוּק מַיין נֵייעֶ קַאר", וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער דְרֵיי ווָאכְן, אִיז דֶער מֶענְטְשׁ צוּרִיק דֶעפְּרֶעסְט, פַאר אַ ווָאךְ צְוֵויי אִיז עֶר גֶעוֶוען פְּרֵיילִיךְ, דִי נֵייעֶ קַאר הָאט אִים גֶעמַאכְט פְּרֵיילִיךְ, יֶעצְט אִיז עֶר שׁוֹין צוּרִיק דֶעפְּרֶעסְט, עֶר דַארְף שׁוֹין זוּכְן נֵייעֶ זַאכְן ווָאס זָאלְן אִים פְּרֵיילִיךְ מַאכְן, עֶר גֵייט אִיבֶּערְבּוֹיעֶן זַיין הוֹיז, עֶר גֵייט אִיבֶּער מַאכְן אִין פָּארְנְט פוּן זַיין הוֹיז, עֶר גֵייט אִיבֶּער פֶּעינְטְן (פַארְבְּן) דִי וֶוענְט, ווָאס גֵייט עֶר טוּן נָאכְדֶעם? בַּאלְד הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט ווָאס צוּ טוּן...

ווִי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְן זַיין לֶעבְּן זָאל יָא זַיין אִינְטֶערֶעסַאנְט? אַז מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## אָן אַ צַדִיק הָאט מֶען אַ פַארְפוֹילְטֶע לֶעבְּן!

אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אִים גוּט דָאס לֶעבְּן, דָאס לֶעבְּן אִיז אִים גֶעשְׁמַאק, אוּן אוֹיבּ נִישְׁט - אִיז אִים דָאס לֶעבְּן פַארְפוֹילְט. ווִי רַשִׁ"י זָאגְט אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שָׁם, מא, נה): "וַתִּרְעַב כָּל אֶרֶץ מִצְרַיִם וַיִּצְעַק הָעָם אֶל פַּרְעֹה לַלָּחֶם וַיֹּאמֶר פַּרְעֹה לְכָל מִצְרַיִם לְכוּ אֶל יוֹסֵף אֲשֶׁר יֹאמַר לָכֶם תַּעֲשׂוּ", אַז דִי מִצְרִיִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען שְׁרֵייעֶן צוּ פַּרְעֹה אַז מֶען ווֵייסְט נִישְׁט ווָאס צוּ טוּן, מֶען הָאט מֶער נִישְׁט קַיין עֶסְן, הָאט זֵיי פַּרְעֹה גֶעזָאגְט: "גֵייט צוּ יוֹסֵף, יוֹסֵף הָאט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט עֶסְן פַאר דִי

גַאנְצֶע לַאנְד", זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען צוּ יוֹסֵף, הָאט זֵיי יוֹסֵף גֶעזָאגְט: "אִיךְ גֶעבּ נָאר עֶסְן פַאר וֶועם עֶס אִיז גֶע'מַל'ט", וָואס מֵיינְט אַז יוֹסֵף הָאט זֵיי גֶעהֵייסְן זִיךְ מַלְ'ן? עֶר הָאט זֵיי גֶעהֵייסְן אָפְּלָאזְן נִיאוּף, "אִיךְ גֶעבּ נָאר עֶסְן וֶוער עֶס אִיז הֵיילִיג בִּקְדֻשַּׁת הַיְסוֹד, ווִי לַאנְג עֶטְץ לִיגְט אִין נִיאוּף אִיז נִישְׁטָא קַיין עֶסְן".

זֶענֶען זֵיי גֶעלָאפְן צוּ פַּרְעֹה זָאגְן אַז יוֹסֵף הֵייסְט זֵיי זִיךְ מַלְ'ן, הָאט פַּרְעֹה זֵיי גֶעפְרֶעגְט: "וואוּ אִיז אֵייעֶרע עֶסְן וָואס עֶטְץ הָאטְס אַוֶועק גֶעלֵייגְט?" הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט אַז זֵיי הָאבְּן אַוֶועק גֶעלֵייגְט עֶסְן אָבֶּער עֶס אִיז פַארְפוֹילְט גֶעוָוארְן, הָאט פַּרְעֹה גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ אַזוֹי, לְכוּ אֶל יוֹסֵף אֲשֶׁר יֹאמַר לָכֶם תַּעֲשׂוּ, טוּט וָואס יוֹסֵף בַּאפֶעלְט עֶנְק".

אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט, וָואס הֵייסְט אַז אַלֶע עֶסְן אִיז גֶעוָוארְן פַארְפוֹילְט? נָאר אַ לֶעבְּן אָן אַ צַדִיק אִיז אַ פַארְפוֹילְטֶע לֶעבְּן, דָאס לֶעבְּן גֵייט אוֹיף אַרָאפּ, אַלֶעס וֶוערְט בָּארִינְג (לַאנְגְוֵיילִיג), דִי הוֹיז וֶוערְט בָּארִינְג, דִי קַאר וֶוערְט בָּארִינְג, דִי דְזָשַׁאבּ וֶוערְט בָּארִינְג, דִי וַוייבּ אוּן דֶער מַאן וֶוערְן בָּארִינְג.

אֵיינֶער פְרֶעגְט מִיר לֶעצְטְנְס: "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס מֶען לֶעבְּט, מֶען גֵייט שְׁלָאפְן אוּן מֶען שְׁטֵייט אוֹיף, מֶען גֵייט נָאכְדֶעמָאל שְׁלָאפְן אוּן מֶען שְׁטֵייט ווִידֶער אוֹיף..." אִיךְ זָאג אִים אַז אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס עֶר רֶעדְט, עֶר פְרֶעגְט מִיר: "דוּ פַארְשְׁטֵייסְט מִיךְ נִישְׁט? דוּ זֶעסְט נִישְׁט מַיינֶע גֶעפִילְן?!" - אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר רֶעדְט, וַוייל אִיךְ הָאבּ אַ צַדִיק, דֶער רֶבִּי חַזֶר'ט מִיט מִיר אֱמוּנָה נָאכְדֶעמָאל אוּן נָאכְדֶעמָאל, אָן אַ צַדִיק אִיז דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אֵיין שְׁטִיק יְסוּרִים, מֶען קֶען זִיךְ אַוֶועק לֵייגְן עֶסְן, מֶען קֶען הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע הוֹיז, אָבֶּער וָואס הָאסְטוּ פוּן דִי עֶסְן? וָואס הָאסְטוּ פוּן דַיין הוֹיז? וָואס הָאסְטוּ פוּן דַיין לֶעבְּן?!

## וָואס לֶערְנְט אוּנְז דֶער צַדִיק?

דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית מא, נה): "לְכוּ אֶל יוֹסֵף", מֶען דַארְף גֵיין צוּם צַדִיק, "אֲשֶׁר יֹאמַר לָכֶם תַּעֲשׂוּ", וָואס דֶער צַדִיק זָאגְט זָאלְט עֶטְץ טוּן, אַזוֹי הָאט מֶען עֶסְן אוּן אַזוֹי קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ.

וָואס זָאגְט דֶער צַדִיק? דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אֵיינֶער הָאט מִיר נֶעכְטְן גֶעבְּרֶענְגְט אַ גַאנְצֶע סֶעט 'יַלְקוּט מֵעַם לוֹעֵז', אִיךְ בִּין אַבִּיסְל אַדוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען דִי פַּרְשָׁה, זֶען וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן מִיט יוֹסֵף הַצַּדִיק אִין תְּפִיסָה, עֶר בְּרֶענְגְט אַרָאפּ מֶדְרָשִׁים וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן מִיט אִים אִין תְּפִיסָה, ווִי מֶען הָאט אִים גֶעפַּיינִיגְט אוּן גֶעפַּיינִיגְט, מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ בִּלְבּוּל אוֹיף אִים, מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן צוּם גֶערִיכְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע בִּזְיוֹנוֹת צוּ מַאכְן אַזַא בִּלְבּוּל אוֹיף אַן אוּמְשׁוּלְדִיגֶער אִיד, אַ צַדִיק, אוּן יֶעדֶעס מָאל מֶען הָאט גֶעפַּיינִיגְט אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אִין אַ זַייט,

עֶר הָאט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הָאבּ אַ פְּרִישֶׁע צָרָה, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הָאבּ אַ פְּרִישֶׁע פַּיין", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן דָא, מֶען הָאט גֶעמַאכְט אוֹיף מִיר אַ בִּלְבּוּל", עֶר הָאט נָאר גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, אַזוֹי הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין גְרוֹיסְקֵייט אַז עֶר הָאט נָאכְדֶעם גֶעקֶענְט רַאטֶעוֶוען גַאנְץ מִצְרַיִם.

## זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן!

אַז מִיר קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם שַׁבָּת חֲנוּכָּה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דַארְף מֶען נֶעמֶען דִי זַאךְ פוּן 'לְכוּ אֶל יוֹסֵף', מֶען דַארְף אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים. לָאמִיר זִיךְ מְקַבֵּל זַיין 'אִיךְ גֵיי עֶנְדִיגְן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן'. עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג צוּ רֶעדְן פוּנֶעם קִיבּוּץ, קִיבּוּץ, קִיבּוּץ... מֶען דַארְף אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים.

נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק אִיז גֶעוֶוען אַ בַּר מִצְוָה, אוּן דֶער בַּר מִצְוָה בָּחוּר שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף אוּן אִיז מְסַיֵּים לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן! אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען ווִי אִינְגֶעלַייט זֶענֶען גֶעוָוארְן רוֹיט פַאר בּוּשָׁה, עֶר קֶען שׁוֹין אַלֶע שִׂיחוֹת, עֶר קֶען שׁוֹין אַלֶע "וְכוּלוּ'ס", עֶר קֶען שׁוֹין אַלֶעס, אָבֶּער דוּ הָאסְט נָאכְנִישְׁט דוּרְךְ גֶעזָאגְט לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, שִׂיחוֹת הָרַ"ן.

לָאמִיר זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, לָאמִיר זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, לָאמִיךְ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן. מֶען דַארְף נִישְׁט עֶנְדִיגְן דֶעם גַאנְצְן סֵפֶר אִין אֵיין טָאג, מֶען דַארְף נִישְׁט עֶנְדִיגְן אַ גַאנְצֶע תּוֹרָה אִין לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אִין אֵיין טָאג, נֶעם אַ סְטִיקֶער, לֶערְן אַ שְׁטִיקְל, אַ שׁוּרָה, אוּן צֵייכְן אָן וואוּ דוּ הַאלְסְט, מָארְגְן וֶועסְטוּ לֶערְנֶען וַוייטֶער.

## פַארְוָואס רֶעדְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?!

אַז מֶען נֶעמְט דֶעם רֶבִּי'ן, מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, זָאגְט מֶען מֶער נִישְׁט: "מַיין לֶעבְּן אִיז לַאנְגְוֵוייליג", "מַיין לֶעבְּן הָאט נִישְׁט קַיין טַעַם", דוּ וֶועסְט מֶער נִישְׁט זַיין פַארְפוֹילְט, דוּ וֶועסְט פְּלוּצְלוּנְג אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ס): פַארְוָואס רֶעדְט אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תְּרוּמוֹת א, ג): "סְתָם חֵרֵשׁ - שֶׁאֵינוֹ שׁוֹמֵעַ וְאֵינוֹ מְדַבֵּר", טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי אַזוֹי, וַוייל מֶען אִיז אַן 'אֵינוֹ שׁוֹמֵעַ' בְּקוֹל צַדִּיקִים, מֶען הֶערְט נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער פוּן צַדִּיקִים - אִיז מֶען אַן 'אֵינוֹ מְדַבֵּר', רֶעדְט מֶען נִישְׁט צוּם בַּאשֶׁעפֶער; פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט זָאגְן אַ וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ דַאנְק דִיךְ", "שְׁכוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער", "דָאס לֶעבְּן אִיז

מִיר אַזוֹי גוּט״, וַוייל אִיךְ הֶער נִישְׁט דֶעם קוֹל פוּנֶעם צַדִיק, אָבֶער אַז מֶען הֶערְט זִיךְ צוּ צוּם קוֹל פוּן צַדִיק, מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, עֶפֶענֶען זִיךְ דִי לִיפְּן, מֶען הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## מֶען קֶען נִישְׁט בּוֹיעֶן אַ הוֹיז אָן דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים!

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט גֶעפְרֶעגְט אַ חָתָן: **״דוּ הָאסְט אַ שִׁיעוּר אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן? דוּ הָאסְט אַ לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן אִינְדֶערְהֵיים?״** - אִיךְ זָאג פַּאר אַלֶע חֲתָנִים, מֶען קוֹיפְט עֶנְק אֵיין אוֹיף שְׁטַאפִּיר צֶען בֶּעקִיטְשֶׁעס, דְרֵיי שְׁלָאף קַאפְּלֶעךְ, פוּפְצְן טַאשׁ טִיכְלֶעךְ, מַיין מַאמֶע הָאט מִיר גֶעזָאגְט פַאר מַיין חֲתוּנָה, אַז אוֹיף דִי לִיסְטֶע שְׁטֵייט מֶען דַארְף קוֹיפְן צֶען טַאשׁ טִיכְלֶעךְ, זִי הָאט מִיר עֶס גֶעקוֹיפְט, אִיךְ הָאבּ עֶס נָאכְנִישְׁט גֶענִיצְט, וֶוער עֶס דַארְף עֶס קֶען אִיךְ אִים עֶס גֶעבְּן... קוֹיף אַיין אַ לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ הוֹיז, אָן הָאבְּן דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים אִינֶעוֵוייניג.

נָאכְמֶער, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעזָאגְט אַן עֵצָה פַאר שְׁמִירָה, לֵייג אַרַיין דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים אִין הוֹיז, וֶועט עֶס זַיין אַ שְׁמִירָה, דוּ וֶועסְט גָארְנִישְׁט דַארְפְן מוֹרָא הָאבְּן.

## וָואס הָאבּ אִיךְ פוּן בַּאקְסֶעס טִישׁוּס?!

מֶענְטְשְׁן זוּכְן אַלֶע סָארְט הִילְף, מֶען גֵייט צוּ דִי הֶעלְפּ אוּן צוּ דִי הֶעלְפּ, גָארְנִישְׁט הֶעלְפְט נִישְׁט, אַזוֹי וִוי רַשִׁ״י זָאגְט (שָׁם), וֶוען מֶען הָאט גֶעהֶערְט דִי נַייעֶס אַז עֶס קוּמְט אַ הוּנְגֶער אִין מִצְרַיִם הָאט יֶעדֶער זִיךְ אַוֶועק גֶעלֵייגְט עֶסְן, יֶעדֶער הָאט זִיךְ אַיינְגֶעקוֹיפְט, מֶען הָאט פְּרוּבִּירְט אַלֶעס צוּ טוּן, אָבֶער עֶס הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן.

אַפָּאר יָאר צוּרִיק וֶוען עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען קָארָאנֶע, הָאבְּן אוֹיךְ מֶענְטְשְׁן אַיינְגֶעקוֹיפְט בַּאקְסֶעס טִישׁוּס, אָבֶער עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט. רַשִׁ״י זָאגְט אַז אַלֶעס אִיז פַארְפוֹילְט גֶעוָוארְן, וָואס הֵייסְט פַארְפוֹילְט גֶעוָוארְן? - אִיךְ הָאבּ טַאקֶע טִישׁוּס, אָבֶער וָואס קֶענֶען דִיר דִי טִישׁוּס הֶעלְפְן?! וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז דֶערְשְׁרָאקְן צוּם טוֹיט וָואס קֶען אִים זַיין עֶסְן אָדֶער בַּאקְסֶעס טִישׁוּס הֶעלְפְן?!

### אַ שׁוֹידֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה מִיטְ׳ן הֵיילִיגְן בֶּן אִישׁ חַי

אִינְטֶערֶעסַאנְט אִיז אַז אִין דִי גַאנְצֶע לַאנְד בּוּזְשֶׁעוֶועט יֶעצְט וַוייטֶער קָארָאנֶע, מֶענְטְשְׁן פַארְלִירְן דֶעם שְׁמֶעק, מֶענְטְשְׁן דֶערְשְׁטִיקְן זִיךְ, מֶען קֶען נִישְׁט גֶעהֶעריג אָטֶעמֶען, אָבֶער מֶען הֶערְט נִישְׁט אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן שְׁטַארְבְּן אַזוֹי וִוי פַאר דְרֵיי יָאר צוּרִיק וֶוען עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי קָארָאנֶע, וָואס אִיז דֶער חִילוּק פוּן יֶעצְט מִיט אַמָאל?

נָאר דֶער הֵיילִיגֶער בֶּן אִישׁ חַי זְכוּתוֹ

יָגְן עָלֵינוּ דֶערְצֵיילְט (בֶּן יְהוֹיָדָע בָּבָא קַמָּא, דַף ס׳ מִדַפֵּי הַגְּמָרָא), אַז עֶר הָאט אַמָאל גֶעטְרָאפְן אִין אַ שְׁטָאט וִוי עֶס קוּמְט אַרַיין אַ מַלְאָךְ הַמַּשְׁחִית מִיט אַ שְׁוֶוערְד, פְרֶעגְט עֶר אִים: ״וָואס גֵייט דָא זַיין?״ זָאגְט אִים דֶער מַלְאָךְ: ״עֶס קוּמְט אַ מַגֵיפָה״, פְרֶעגְט עֶר אִים: ״וִויפִיל מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן שְׁטַארְבְּן בַּיי דִי מַגֵיפָה?״ עֶנְטְפֶערְט דֶער מַלְאָךְ: ״עֶס גֵייעֶן שְׁטַארְבְּן פִינְף טוֹיזְנְט מֶענְטְשְׁן״, לְמַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי מַגֵיפָה אוּן עֶס זֶענֶען גֶע׳הַרְגְ׳עֶט גֶעוָוארְן פוּפְצְן טוֹיזְנְט מֶענְטְשְׁן, דֶערְצֵיילְט דֶער בֶּן אִישׁ חַי: שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן דֶעם מַלְאָךְ הַמַּשְׁחִית, פְרֶעג אִיךְ אִים: ״פַארְוָואס זָאגְסְטוּ לִיגְנְט? דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט אַז דוּ גֵייסְט הַרְגְ׳עֶנֶען פִינְף טוֹיזְנְט מֶענְטְשְׁן, לְמַעֲשֶׂה הָאסְטוּ גֶע׳הַרְגְ׳עֶט פוּפְצְן טוֹיזְנְט מֶענְטְשְׁן!״ הָאט דֶער מַלְאָךְ הַמַּשְׁחִית גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״מִיט מַיין שְׁוֶוערְד הָאבּ אִיךְ נָאר גֶע׳הַרְגְ׳עֶט פִינְף טוֹיזְנְט מֶענְטְשְׁן, דִי אִיבֶּערִיגֶע צֶען טוֹיזְנְט זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן פוּן שְׁרֶעק אוּן פַּאנִיק!״

דָאס אִיז דֶער סִיבָּה פַארְוָואס מֶען הֶערְט נִישְׁט הַיינְט דִי אַלֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע נַייעֶס אַזוֹי וִוי מֶען הָאט גֶעהֶערְט אִין אָנְהֵייבּ וֶוען קָארָאנֶע הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן, דֶעמָאלְט זֶענֶען מֶענְטְשְׁן אַרוּם גֶעגַאנְגֶען דֶערְשְׁרָאקְן צוּם טוֹיט, מֶען הָאט גֶעהַאט שְׁרֶעקְלִיכֶע פְּחָדִים, וָואס פוּן דֶעם אַלֵיינְס שְׁטַארְבְּט מֶען.

## וָואס זָאגְט יֶענֶער אוֹיף מִיר?!

אַז אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֵוייסְט עֶר נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, עֶר מֵיינְט אוֹיבּ עֶר וֶועט אַוֶועק לֵייגְן הֶענְטְשׁוּךְ, פוּרֶעל (זֵייף), וַואסֶער אוּן טִישׁוּס וֶועט עֶס אִים הֶעלְפְן, אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ בְּלַייבְּט אָנְגֶעפִילְט מִיט פַּחַד, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עַתָּה אִיז: ״לְכוּ אֶל יוֹסֵף״, גֵיי צוּם צַדִיק, נֶעם דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, עֶס וֶועט זִיךְ דִיר עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל, דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז אַ מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֵייבְּט עֶר שְׁפִּירְן אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דָאס קֶען מֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין, דָאס דַארְף מֶען אַלֵיינְס טוּן אוּן שְׁפִּירְן.

אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים בַּאקוּמְט מֶען אֱמוּנָה אִין דִיךְ, מֶען הֵייבְּט אָן וֶוערְן זֶעלְבְּסְט זִיכֶער, דָאס קֶען מֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין, אַזוֹי אִיז עֶס, אַז אַ מֶענְטְשׁ בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹטָאמַאטִישׁ בַּאקוּמְט עֶר זִיכֶערְקֵייט אִין זִיךְ, עֶר טְרַאכְט שׁוֹין אַ גַאנְצְן טָאג ׳וָואס זָאגְט דֶער אוֹיף מִיר׳ אוּן ׳וָואס זָאגְט יֶענֶער אוֹיף מִיר׳, אִיךְ לֶעב מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## דוּ הָאסְט הַיינְט גְעלֶערְנְט?!

מֶענְטְשְׁן וואוּנְדֶערְן זִיךְ: "צוּ וָואס דארְף מֶען הָאבְּן דֶעם רֶבִּי'ן, קֵיינֶער רֶעדְט נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? קֵיינֶער לֶערְנְט נִישְׁט? קוּק יֶענֶער מַתְמִיד לֶערְנְט, אוּן יֶענֶער דַיין לֶערְנְט!" – אִיךְ הָאבּ דָאס אַסַאךְ מָאל, אִיךְ טְרֶעף אַ בָּחוּר'ל, אִיךְ הֵייבּ אָן רֶעדְן צוּ אִים, אִיךְ זָאג אִים: "נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת הֵייבּ אָן זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אַזוֹי וֶועסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג", פְרֶעגְט עֶר מִיר: "וָואס הֵייסְט? דֶער דַיין לֶערְנְט נִישְׁט? יֶענֶער דַיין לֶערְנְט נִישְׁט?" אִיךְ זָאג אִים: "וואוּ קוּמְט יֶעצְט אַרַיין דִי אַלֶע נֶעמֶען? קוּק אוֹיף דִיר, דוּ לֶערְנְסְט? דוּ הָאסְט הַיינְט גְעלֶערְנְט? דוּ הָאסְט נֶעכְטְן גְעלֶערְנְט? דוּ הָאסְט אַייעֶר נֶעכְטְן גְעלֶערְנְט? – נֵיין! אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר אַ וֶועג דוּ זָאלְסְט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, זָאג דִי וֶוערְטֶער אָן פַארְשְׁטֵיין, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן עו) אַז דָאס הֵייסְט גְעלֶערְנְט, וואוּ קוּמְט אַרַיין אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן?!"

## לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוֹיף אִידִישׁ!

מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גְעוֶוען אָנְצוּקוּמֶען אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, מִיר הָאבְּן דִי סְפָרִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַרָאפּ גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם רֶבִּינְ'ס לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן פָּשׁוּט, אוֹיף אִידִישׁ, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶענוּמֶען דִי אַלֶע קַבָּלָה'דִיגֶע וֶוערְטֶער וָואס מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן נִישְׁט וָואס עֶס מֵיינְט, אוּן עֶס אִיבֶּער גְעטַייטְשְׁט אוֹיף אִידִישׁ, דִי גַאנְצֶע לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אִיז: "רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן", "לֶעבּ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן", "טְרַאכְט נִישְׁט פוּן אַנְדֶערֶע", "קוּק נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע", "מַאךְ נִישְׁט נָאךְ אַנְדֶערֶע", "לֶעבּ אַ לֶעבְּן – דוּ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן".

## פַּרְעֹה אִיז שׁוֹין גְעוֶוען קְלוּגֶער פוּן אִים!

עֶס אִיז גְעוֶוען אַ שְׁטִיק צַייט וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְּלֶעגְט אַרַיין קוּמֶען יֶעדֶע מוֹצָאֵי שַׁבָּת מְבָרְכִים אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג צוּ אַ מְלַוֶה מַלְכָּה, גֶעדֶענְק אִיךְ אֵיינְמָאל, עֶס אִיז גְעוֶוען מוֹצָאֵי שַׁבָּת מִקֵץ, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעגֶעבְּן אַ גַאנְצֶע דְרָשָׁה אַז מֶען דַארְף הָאבְּן אַ צַדִיק, אוּן מֶען דַארְף זַיין אִין אַ פְּלַאץ פוּן אַ צַדִיק, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְבַּיי דֶערְצֵיילְט זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה.

עֶס אִיז גְעוֶוען אַ אִיד וָואס הָאט גֶעהֵייסְן ר' מֹשֶׁה, עֶר אִיז אֵיינְמָאל גֶעקוּמֶען אִין בְּרֶעסְלֶב צוּ רֶבִּי נָתָן, עֶר אִיז זֵייעֶר גֶעפָּאלְן פַאר רֶבִּי נָתָן, רֶבִּי נָתָן הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים אַ לֶענְגֶערֶע צַייט, פֵייעֶרְדִיגֶע דִיבּוּרִים, אַז מֶען דַארְף הָאבְּן אַ צַדִיק, ווייל דֶער צַדִיק עֶפְנְט אוֹיף דִי אוֹיגְן אוּן מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער צַדִיק עֶפְנְט אוֹיף דָאס מוֹיל אוּן מֶען הֵייבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוֹיבּ מֶען לֵייגְט זִיךְ אַלֵיינְס אַוֶועק עֶסְן וֶועט

גאַרנישט בְּלַייבְּן דֶערְפוּן, אַלֶעס וֶועט וֶוערְן פַארְפוֹילְט, דוּ מוּזְט הָאבְּן אַ יוֹסֵף הַצַּדִּיק, דֶער צַדִּיק קֶען דִיר גֶעבְּן עֶסְן, דֶער צַדִּיק וֶועט דִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן הוּנְגֶער.

אָן אַ צַדִּיק אִיז דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אַ טוֹיטֶע לֶעבְּן; דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס כַאפְּט נִישְׁט ווִי עֶר הַאלְט אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶר מֵיינְט אַז עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל 'אִיךְ גֵיי דָאךְ מִיט אַ שְׁטְרַיימְל אוּן בֶּעקִיטְשֶׁע, מִן הַסְתָּם רֶעד אִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן...' אוּן בֶּאֱמֶת אִיז עֶר נָאךְ זֵייעֶר וַוייט, אַזוֹי ווִי דֶער שְׁפִּין (סְפֵּיידֶער) וָואס פַארְמָאגְט זִיבְּן פִיסְלֶעךְ אוּן אֲפִילוּ מֶען שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס אַ פִיסְל פוּן אִיר, שָׁאקְלְט זִיךְ עֶס וַוייטֶער, עֶס אִיז אַ טוֹיטֶע אָבֶּער אִירֶע נֶערְוְון שָׁאקְלֶען זִיךְ וַוייטֶער (עַיֵּין דִּבְרֵי תּוֹרָה, מַהֲדוּרָה ט', אוֹת צט), דִי זֶעלְבֶּע אִיז אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נִישְׁט דָבוּק צוּ אַ צַדִּיק קֶען אוֹיסְקוּקְן ווִי עֶר דַאוֶוענְט עֶרְלִיךְ, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז עֶס נָאר גֶעמַאכְט, זַיין גַארְטְל שָׁאקְלְט זִיךְ אוּן אִינֶעוֵוייניג אִיז עֶר טוֹיט.

דֶעם אַנְדֶערְן טָאג פְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן: "וואוּ אִיז ר' מֹשֶׁה?" הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט, ווִיבַאלְד עֶר הָאט גֶעהֶערְט נֶעכְטְן גֶעהֶערְט ווִי רֶבִּי נָתָן זָאגְט אַז מֶען דַארְף הָאבְּן אַ צַדִּיק, אִיז עֶר גֶעפָאהְרן צוּ זַיין פְרִיעֶרְדִיגֶע רֶבִּי, הָאט רֶבִּי נָתָן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "פַּרְעֹה אִיז שׁוֹין קְלוּגֶער פוּן אִים, וֶוען יוֹסֵף הָאט גֶעזָאגְט פַאר פַּרְעֹה אַז מֶען דַארְף אוֹיפְנֶעמֶען אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ, אַ צַדִּיק, וָואס זָאל קֶענֶען רַאטֶעוֶוען דָאס לַאנְד, הָאט פַּרְעֹה גֶעזָאגְט פַאר יוֹסֵף: 'אַז דוּ זָאגְסְט מִיר אַז מֶען דַארְף הָאבְּן אַ חָכָם, מֶען דַארְף הָאבְּן אַ צַדִּיק, בִּיסְטוּ דֶער חָכָם, אַן אַנְדֶערֶער וָואלְט דָאס דָאךְ נִישְׁט גֶעזָאגְט', ווִידֶער יֶענֶער הֶערְט ווִי אִיךְ זָאג אַ גַאנְצְן צַייט מֶען דַארְף גֵיין צוּ אַ צַדִּיק גֵייט עֶר אַוֶועק אוּן פָארְט צוּרִיק צוּ זַיין רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט נָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן אִים, אוּן רֶעדְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

בַּיי מֶענְטְשְׁן אִיז אָפְּגֶעמַאכְט, וָואס מֵיינְט אַ צַדִּיק? - אֵיינֶער וָואס אִיז עֶפֶּעס אִינְטֶערֶעסַאנְט, אֵיינֶער וָואס מַאכְט אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע פַּאקְן, אֵיינֶער וָואס עֶסְט נִישְׁט, אֵיינֶער וָואס שְׁלָאפְט נִישְׁט, אֵיינֶער וָואס פַאלְט אַרָאפּ פוּן בֶּענְקְל. אָבֶּער בֶּאֱמֶת וָואס אִיז אַ צַדִּיק? - אַ צַדִּיק אִיז דֶער וָואס קֶען מִיר מַאכְן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר מַאכְט מִיר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס צִי עֶר עֶסְט אָדֶער נִישְׁט, אִיז מִיר נִישְׁט נוֹגֵעַ, עֶס אִיז גֶעוֶוען פַארְשִׁידֶענֶע עֶרְלֵיי עֲבוֹדוֹת בַּיי צַדִּיקִים, גֶעווִיסֶע הָאבְּן גֶעהַאט אַן עֲבוֹדָה פוּן נִישְׁט עֶסְן, גֶעווִיסֶע הָאבְּן גֶעהַאט אַן עֲבוֹדָה פוּן יָא עֶסְן, דִי זַאכְן אִיז מִיר נִישְׁט נוֹגֵעַ, אִיךְ דַארְף קוּקְן 'וָואס קֶען אִיךְ פַארְדִינֶען פוּן אִים!'

## אַ מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֵיילְט!

אַז מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף שַׁבַּת חֲנוּכָּה, דַארְף מֶען

זיךְ פַּארְנֶעמֶען די זַאךְ, אַז מֶען גייט אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְ'ן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, שִׂיחוֹת הָרַ"ן, חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת און סֵפֶר הַמִּדּוֹת, און מֶען גייט זיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אין 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', וֶוען מֶען לֶערְנְט אַ בְּרִיווּ, הֵייבְּט מֶען גְלַייךְ אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף. און אוֹטָאמַאטִישׁ אַז אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט עֶר זִיכֶער בַּיי זיךְ, עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט מוֹרָא פוּן 'וָואס זָאגְט עֶר אוֹיף מִיר?' און 'וָואס זָאגְט עֶר אוֹיף מִיר?' און 'עֶר קוּקְט אוֹיף מִיר'... זֵייעֶר אַסַאךְ קִינְדֶער, בָּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט וֶוערְן צֶעדְרִיקְט פוּן דֶעם, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט זַיין צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן, ווייל זֵיי זֶענֶען אַ גַאנְצְן צַייט פַארְנוּמֶען צוּ טְרַאכְטְן אין קָאפּ: 'אִיךְ הָאבּ אַ גוּטֶע נָאמֶען?' 'וָואס רֶעדְט מֶען אוֹיף מִיר?' - אָבֶּער ווי נָאר אַ מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פְלִיט די גַאנְצֶע זַאךְ אַוֶועק, מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֵיילְט.

## אוֹיסְגֶעהֵיילְט אַ בָּחוּר אָן קַיין דִיטֶעלִין!

דְרֵיי יָאר צוּרִיק אִיז אַ טַאטֶע גֶעקוּמֶען צוּ מִיר מִיט אַ בָּחוּר פוּן פוּפְצְן יָאר, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט דָא אין יְשִׁיבָה, נָאר זַיין בְּרוּדֶער הָאט דָא גֶעלֶערְנְט, זֵיי זָאגְן: "מִיר דַארְפְן הִילְף", אִיךְ פְרֶעג זֵיי: "וָואס גֵייט פָּאר?" זָאגְן זֵיי: "אוּנְזֶער בָּחוּר אִיז אַ בַּא'חֵנְ'טֶער בַּא'טַעמְ'טֶער בָּחוּר, אַלֶעס זֶעט בַּיי אִים אוֹיס פֵיין און וואויל, אָבֶּער קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט די מַעֲשֶׂה וָואס אִיז מִיט אִים אִינְדֶערְהֵיים, יֶעדְן טָאג וֶוען עֶס וֶוערְט נַאכְט, עֶס וֶוערְט די שְׁקִיעָה, הֵייבְּט עֶר אָן זיךְ אוֹיפְפִירְן ווי אַ דְרֵייעֶרִיג קִינְד, עֶר כַאפְּט אָן די מַאמֶע און ווַארְפְט זיךְ פַאר פַּחַד, עֶר הָאט מוֹרָא פוּן די נַאכְט", דֶער טַאטֶע זָאגְט מִיר: "מִיר שְׁלָאפְן שׁוֹין נִישְׁט עֶטְלִיכֶע יָאר אַלֵיינְס אין אַ שְׁטוּבּ, ווַייל אוּנְזֶער בָּחוּר שְׁלָאפְט מִיט אוּנְז אין שְׁטוּבּ פַאר שְׁרֶעק", אִיךְ פְרֶעג זֵיי: "וָואס הָאט אִיר שׁוֹין גֶעטוּן?" זָאגְן זֵיי: "מִיר הָאבְּן מִיר שׁוֹין אוֹיסְגֶעגֶעבְּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער, מִיר זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען בַּיי אַלֶע פּוֹתְרֵי חֲלוֹמוֹת, וְאֵין פּוֹתֵר אוֹתוֹ, קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט הֶעלְפְן, דֶער בָּחוּר הָאט זיךְ גֶעבֶּעטְן צוּ מִיר: "הֶעלְף מִיר", אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ אִים אַפָּאר מִינוּט, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעגֶעבְּן אַ תְּפִלָּה וָואס עֶר זָאל זָאגְן יֶעדְן טָאג, און אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט: "בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: 'הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיךְ ווִיל גְלֵייבְּן אַז דוּ בִּיסְט דָא, דוּ הָאסְט בַּאשַׁאפְן די לִיכְטִיגְקֵייט און דוּ הָאסְט בַּאשַׁאפְן די נַאכְט, און דוּ הָאסְט בַּאשַׁאפְן מַיין פַּחַד, הֶעלְף אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל פוּן גָארְנִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן', וֶוען דוּ שְׁפִּירְט אַז דוּ הֵייבְּסְט אָן מוֹרָא הָאבְּן פוּן די נַאכְט, זָאלְסְטוּ אִיבֶּער זָאגְן דֶער תְּפִלָּה נַאכְאַמָאל און נַאכְאַמָאל".

וָואס מֵיינְט עֶטְץ? די עֶלְטֶערְן שְׁלָאפְן שׁוֹין אַלֵיינְס אין שְׁטוּבּ, און דֶער בָּחוּר שְׁלָאפְט שׁוֹין אַלֵיינְס אין זַיין שְׁטוּבּ,

נָאךְ אַבִּיסֶל טְרָאגְט מֶען אִים שׁוֹין אָן שִׁידוּכִים, אוּן וֶוען עֶר וָואלְט גֶעלֶערְנְט דָא וָואלְט עֶר שׁוֹין גֶעוֶועןְ חֲתוּנָה גֶעהַאט... עֶר אִיז גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט אָן קַיין רִיטֶעלִין, אָן קַיין מֶעדֶעצִין, בְּלוֹיז דוּרְךְ אֱמוּנָה!

הָאט אִיר אַן עֵצָה פוּן רֶבִּי׳ן, פַּרְעֹה זָאגְט פַאר דִי מִצְרִי׳שֶׁע קֶעפּ, עֶטְץ זֶעטְס דָאךְ וִוי עֶטְץ הָאטְס אַלֶעס פְּרוּבִּירְט, עֶטְץ הָאטְס אַוֶועק גֶעלֵייגְט עֶסְן אוּן אַלֶעס אִיז גֶעוָוארְן פַארְפוֹילְט, עֶטְץ מוּזְטְס פָאלְגְן יוֹסֵף, אוּן אַז יוֹסֵף הֵייסְט זִיךְ מַל׳ן דַארְפְסְט עֶטְץ פָאלְגְן. וָואס מֵיינְט זִיךְ מַל׳ן? יוֹסֵף הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: ״עֲבֵירוֹת מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ דֶערְשְׁרָאקְן, ווייל עֲבֵירוֹת שְׁטִיפְּט אַוֶועק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לָאזְט אָפּ עֲבֵירוֹת וֶועט עֶנְק זַיין גוּט״.

## נִישְׁט אַלְט וֶוערְן בַּיים רֶבִּי׳ן!

וויפִיל דַארְפְן מִיר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶועןְ אַז אוּנְז וַוייסְן מִיר פוּן רֶבִּי׳ן, אוּן מִיר קְרִיגְן נִישְׁט אוֹיפְן רֶבִּי׳ן, אֵיין זַאךְ דַארְפְן מִיר נָאר אַכְטוּנְג גֶעבְּן, אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן אַלְט בַּיים רֶבִּי׳ן, אַלְטֶע בְּרֶסְלֶבֶ׳עֶר חֲסִידִים אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה. לָאמִיר וֶוערְן פְּרִישׁ, אִיךְ גֵיי אָנְהֵייבְּן אַ נֵייעֶ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, אוּן דָאס וֶועט מִיר שׁוֹין עֶפֶענֶען מַיין מוֹיל, דָאס אַרְבֶּעט וִוי מֶעדְזְשִׁיק, אִיךְ זֶע דָאס שׁוֹין פַאר כִּמְעַט צְוָואנְצִיג יָאר, יֶעדֶעס מָאל אִיךְ עֶפְן אַן אֲשֶׁר בַּנַחַל, אִיךְ לֶערְן אֵיין בְּרִיוו, צְווֵיי בְּרִיוְן, דְרֵיי בְּרִיוְן, פְּלוּצְלִינְג עֶפְנְט זִיךְ מַיין מוֹיל, אִיךְ הֵייבּ אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הֵייבּ אָן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – אַ סְגוּלָה אוֹיף אַלֶע יְשׁוּעוֹת!

מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶערֶעדְט דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט פוּן דֶעם אוּן מֶען דַארְף רֶעדְן נָאכְאַמָאל פוּן דֶעם; וֶוער עֶס דַארְף אַ יְשׁוּעָה, וֶוער עֶס דַארְף אַ נֵס, זָאל פְּרוּבִּירְן דִי עֵצָה וָואס מוֹהֲרַא״שׁ שְׁרַייבְּט, הֵייבּ אָן זָאגְן ״שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר מַיין לֶעבְּן״, ״בִּיסְט אַזוֹי גוּט צוּ מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער״, נָאכְדֶעם בֶּעט דִי זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט, וֶועסְטוּ זֶען עֶס וֶועט זַיין מֶעדְזְשִׁיק, וֶועסְט בַּאקוּמֶען וָואס דוּ בֶּעטְסְט.

צוּ אַסַאךְ פוּן ׳בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן׳, אוּן מֶען הֵייבְּט אָן זִיךְ אָפְּצוּרֶעדְן: ״אִיךְ בֶּעט אַזוֹי סַאךְ אוּן עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט, מַיינֶע תְּפִילּוֹת וֶוערְט נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען״, - אֶפְשָׁר דַארְפְסְטוּ פַארְדֶעם אַבִּיסֶל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג: ״שְׁכֹּחַ הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, דוּ בִּיסְט אַזוֹי גוּט צוּ מִיךְ״, וֶועסְטוּ וֶוערְן גֶעהָאלְפְן. אָבֶּער כְּדֵי דָאס צוּ קֶענֶען זָאגְן דַארְף מֶען הָאבְּן אַ צַדִּיק וָואס זָאל דָאס קֶענֶען אַרַיין לֵייגְן אִין מוֹיל.

אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג אַז אִיךְ רֶעד וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶועןְ אַ מְלַמֵּד אִין

חֵדֶר, הָאבּ אִיךְ גֶענוּמֶען דִי דְרֵייצְן יֶערִיגֶע קִינְדֶער, זֵיי פְּלֶעגְן מִיר קוּמֶען זָאגְן: "שְׁכּחַ רֶבִּי", הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דִי קִינְדֶער פְּרִיוַואט, זָאג "שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער", אָבֶּער זֵיי הָאבְּן דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט זָאגְן, זֵיי הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט: "עֶס הָאט נִישְׁט קַיין זִין צוּ זָאגְן שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער..." וַוייל כְּדֵי צוּ קֶענֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מוּז מֶען זַיין מְקוּרָב צוּ אַ צַדִיק, עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אוֹיבּ מֶען דְרֵייט זִיךְ בַּיי אַ רֶבִּי וָואס גֵייט מִיט אַ זִילְבֶּערְנֶע שְׁטֶעקְן אוּן קֶען נִישְׁט שְׁלֶעפְּן זַיין חָסִיד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר קוּמֶען מִיר שַׁבָּת חֲנוּכָּה צוּם רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס דִי זַאךְ פוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## אַ חֶבְרָה שְׁטַארְבֶּער'ס!

וָואס אִיז דֶען דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ? אִין אֵיין סֶעקוּנְדֶע קֶען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְן אוֹיס הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. אַ אִינְגֶערְמַאן רוּפְט מִיךְ אָן פְרַייטָאג אִינְדֶערְפְרִי אַז עֶר וֶועקְט זִיךְ אוֹיף אוּן זַיין וַוייבּ אָטֶעמְט נִישְׁט גוּט, מֶען אִיז אַרַיין גֶעפָארְן אִין שְׁפִּיטָאל אוּן מֶען דַארְף דָארְט בְּלַייבְּן זֶען וָואס מֶען קֶען טוּן; אַנְשְׁטָאט זִיךְ אָפְּרֶעדְן אוּן זַיין בְּרוֹגֶז אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דָאס פֶּעלְט מִיר אוּן דָאס פֶּעלְט מִיר, דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא"שׁ פְּלֶעגְט זָאגְן, "מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ "חֶבְרָה שְׁטַארְבֶּער'ס"... אִין אֵיין סֶעקוּנְדֶע קֶען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְן אוֹיס, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ קוּם אוּן אִיךְ גֵיי".

## פַארְוָואס נֶעמֶען מֶענְטְשְׁן דְרָאגְס?

אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נָאר פַארְנוּמֶען צוּ טְרַאכְטְן אַז 'דָאס פֶּעלְט מִיר', 'דָאס פֶּעלְט מִיר' אוּן 'דָאס פֶּעלְט מִיר', קֶען נִישְׁט נֶעמֶען זַיין לֶעבְּן, עֶר מוּז אַיינְנֶעמֶען פֶּעינְקִילֶער זִיךְ צוּ בַּארוּאִיגְן פוּן זַיין וֵוייטָאג. דָאס אִיז דֶער סִיבָּה פַארְוָואס כִּמְעַט בַּיי יֶעדֶע מְסִבָּה, בַּיי יֶעדְן צוּזַאמְקוּם פוּן בָּחוּרִים, אִינְגֶעלַייט אוּן פְרוֹיעֶן אִיז דָא דְרָאגְס.

אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט זִיךְ גֶעקוֹיפְט אַ בָּאנְגֶעלוֹי אִין אַ קָאנְטְרִי אִיז גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן צִי עֶר זָאל פַארְקוֹיפְן זַיין בָּאנְגֶעלוֹי, אִיךְ פְרֶעג אִים: "וָואס אִיז גֶעשֶׁען, פַארְוָואס ווִילְסְטוּ עֶס פַארְקוֹיפְן?" זָאגְט עֶר מִיר: "אִיךְ קֶען נִישְׁט דָארְט זַיין זוּמֶער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל ווייל אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט פוּן דִי יָאנְטְשִׁי מֶענְטְשְׁן, אִיךְ בִּין אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ... אִיךְ הֶער אוֹיס דִי חִיזוּק אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאוֹן אָבֶּער אִיךְ וויל וואוֹינֶען צְווִישְׁן נָארְמַאלֶע מֶענְטְשְׁן... לְמַעֲשֶׂה פִּיל אִיךְ זִיךְ ווִי אַ

**נַאר, אַלֶע נֶעמֶען דְרַאגֶס אוֹיסֶער אִיךְ!״** עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ שְׁנֶעלֶע חֶשְׁבּוֹן, עֶנְדֶערְשׁ ווִיל אִיךְ בְּלַייבְּן גֶעזוּנְט, אִיךְ ווִיל בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ, אִיךְ ווִיל אוֹיפְצִיעֶן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

פַארְוָואס אָבֶער טוּט עֶס אַ מֶענְטְשׁ? יֶעדֶער וֵוייסְט דָאךְ אַז דְרַאגֶס אִיז נִישְׁט אַ גוּטֶע זַאךְ! נַאר אַ מֶענְטְשׁ הָאט צָרוֹת, עֶר הָאט צַעַר אַז דָאס קְלַאפְּט נִישְׁט אוּן דָאס קְלַאפְּט נִישְׁט, אוּן עֶר אַלֵיינְ׳ס אִיז נִישְׁט זִיכֶער מִיט זִיךְ, זוּכְט עֶר אַוֶועק צוּ לוֹיפְן פוּן זִיךְ אַלֵיינְס.

נֶעם דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצָה, דִי עֵצָה פוּן יוֹסֵף הַצַּדִּיק, וָואס הָאט יוֹסֵף גֶעטוּן אִין תְּפִיסָה? צְוֵויי זַאכְן; עֶר הָאט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶועוְן, דִי גַאנְצֶע תְּפִיסָה אִיז גֶעוֶועוְן אֵיין שְׁטִיק הִתְבּוֹדְדוּת, עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר הָאט גֶעטַאנְצְן, עֶר הָאט גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיינֶע גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס עֶר הָאט יָא, דִי צְוֵויי זַאכְן הָאט יוֹסֵף גֶעטוּן אִין תְּפִיסָה, גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֶעטַאנְצְן.

## וואו אִיז דֶער רֶבִּי?

עַל כָּל פָּנִים, מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיף שַׁבָּת, לָאמִיר פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן מִיט דִי צְוֵויי עֵצוֹת, לָאמִיר בֶּעטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי אִיז אִיבֶּעראַל וואו מֶען רֶעדְט פוּן אִים, מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן דֶער רֶבִּי אִיז נָאר דָא אוּן נִישְׁט דָארְט, דֶער רֶבִּי אִיז וואו מֶען רֶעדְט פוּן אִים אוּן מֶען פָּאלְגְט זַיינֶע עֵצוֹת.

אִיךְ הָאב זֵייעֶר מוֹרָא אוֹיב דָא אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ וֶועט מֶען אוֹיפְהֶערְן רֶעדְן פוּן רֶבִּי׳ן, עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין צֶוְוען מֶענְטְשׁ מֶענְטְשְׁן וָואס רֶעדְן פוּן רֶבִּי׳ן, וֶועט דֶער רֶבִּי אוֹיךְ נִישְׁט דָא זַיין. אִיךְ וֵוייס פוּן אַ שׁוּל וָואס פַארְרוּפְט זִיךְ ׳בְּרֶסְלֶב׳, אוּן בַּיי דִי מָאלְדִינְג אַרוּם דִי גַאנְצֶע שׁוּל לִיגְט טֵייעֶרֶע בָּאטְלֶעךְ מִיט אַלְקָאהָאל, וואו אִיז דָא אַ גְרֶעסֶערֶע חִלּוּל הַשֵּׁם פוּן דֶעם? אַ פְּלַאץ וואו מֶען טְרִינְקְט אוּן מֶען זוֹיפְט אִיז דֶער רֶבִּי נִישְׁט דָארְט! דִי בָּחוּרִים דֶערְצֵיילְן מִיר וָואס עֶס טוּט זִיךְ דָארְט, מֶען שִׁיכּוֹר׳ט אוּן מֶען רֶעדְט נִיבוּל פֶּה רַחֲמָנָא לִצְלָן.

וואו אִיז דֶער רֶבִּי? וואו מֶען רֶעדְט פוּן אִים; יֶעדֶער קֶען זִיךְ מַאכְן בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים אַ בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וואו דֶער רֶבִּי אִיז דָארְט, אַז עֶר וֶועט לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים.

## לֶערְן דִי בְּרִיוְון אִין אִידִישׁ

וֶוער עֶס קֶען נִישְׁט לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קַיין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, זָאל זָאגְן דִי וֶוערְטֶער. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן שמט): ״וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת, וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד״. נָאכְדֶעם זֶענֶען

דָא שֵׁיינֶע קוּנְטְרֵסִים אִין אִידִישׁ, בְּרִיוְון פוּן 'אֲשֶׁר בַּנַחַל' אוּן 'עֲצָתוֹ אֱמוּנָה' אִין אִידִישׁ, דָאס וֶועט דִיךְ שְׁלֶעפְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וָואס שְׁטֵייט אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה? דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין אֲשֶׁר בַּנַחַל, נָאר אַרָאפּ גֶעבְּרֶענְגְט נָאךְ נֶענְטֶער צוּם מֶענְטְשׁ. מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מִיר גֶעזָאגְט דֶעם לֶעצְטְן לֵיל שִׁישִׁי, דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי לֶעצְטֶע שְׁמוּעֶס וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶערֶעדְט צוּ מִיר: "יוֹאֵל, אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער אַרָאפּ גֵיין, אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט דָאס מֶערְסְטֶע וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט", אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט וָואס עֶס טוּט זִיךְ מִיט בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ וְכוּ', מֶען דַארְף אַרָאפּ גֵיין נָאכְמֶער, אַז יֶעדֶער זָאל זִיךְ קֶענֶען אוֹיפְהֵייבְּן אוּן זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## הָאסְט זִיךְ מְחַיֶה גֶעוֶוען מִיט דַיין תְּפִילִין?

אַמָאל הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ שְׁמוּעֶס מִיט אַ שָׁכֵן, מֶען הָאט גֶערֶעדְט פוּן רֶעבִּינְ'ס עֵצוֹת אוּן פוּן חֲתוּנָה מַאכְן בִּילִיג, פְרֶעגְט עֶר מִיר: "אוֹיבּ אֵיינֶער טוּט שׁוֹין דִי אַלֶע זַאכְן אָנֶעם רֶבִּי'ן, עֶר הִיט שַׁבָּת אוּן טוּט אָן תְּפִילִין, דַארְף עֶר אוֹיךְ הָאבְּן דֶעם רֶבִּי'ן?" - אִיךְ טַעֲנָה זִיךְ נִישְׁט מִיט קַיין מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער אִיךְ וֶועל עֶנְק דֶערְצֵיילְן מַיין שַׁבָּת פַאר אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אִיךְ הָאבּ אַלֶעס גֶעהַאט, אַלֶע מַאֲכָלִים, אַלֶע בֶּעקִיטְשֶׁעס, אָבֶּער דִי שִׂמְחָה 'אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז עֶס אִיז שַׁבָּת' הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט.

וֶועלְכֶע מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נִישְׁט מְקוּרָב צוּ אַ צַדִיק פְרֵיידְט זִיךְ מִיט שַׁבָּת? וֶוער אִיז זִיךְ מְחַיֶה מִיט זַיין תְּפִילִין, וֶוער אִיז זִיךְ מְחַיֶה מִיט זַיינֶע פֵּיאוֹת?! אוֹיבּ אֵיינֶער שְׁנַיידְט אָפּ זַיינֶע פֵּיאוֹת אִיז עֶר אַ שֵׁגֶץ, אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט יָא פֵּיאוֹת, אִיז עֶר וָואס? - גָארְנִישְׁט?! אֵיינֶער וָואס לֵייגְט נִישְׁט קַיין תְּפִילִין אִיז עֶר גֶעפֶערְלִיךְ, אוּן אוֹיבּ עֶר לֵייגְט יָא תְּפִילִין אִיז וָואס? - גָארְנִישְׁט?! זַיי זִיךְ מְחַיֶה מִיט דַיין תְּפִילִין שֶׁעפּ חַיוּת פוּן דַיין תְּפִילִין, זַיי זִיךְ מְחַיֶה מִיט דַיין בָּארְד, אַז דוּ בִּיסְט אַ אִיד, אוּן אַז דוּ צִינְדְסְט חֲנוּכָּה לִיכְט.

## בְּחַיִּים חַיּוּתְךָ זָאלְסְטוּ נִישְׁט זַיין אִין עוֹלָם הַתֹּהוּ!

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין זִיךְ מְחַדֵשׁ זַיין אִין לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אֵיינְמָאל מֶען הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן עוֹלָם הַתֹּהוּ פוּן דֶער וֶועלְט. אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעפְרֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין שַׁבָּת חֲנוּכָּה אִין בָּארָא פַּארְק בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן, אוֹיבּ אִיךְ זָאל קוּמֶען דַאוְוענֶען אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "זֶע אַז בְּחַיִּים חַיּוּתְךָ זָאלְסְטוּ נִישְׁט זַיין אִין עוֹלָם הַתֹּהוּ!"

וַוייל אַז אִיךְ קוּם אוֹיף שַׁבָּת צוּ מַיינֶע עֶלְטֶערְן, זַיי וואוֹינֶען הֶעכֶער דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ קֶען אִיךְ נִישְׁט אַוֶועק גֵיין דַאוֶוענֶען עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ, דַאוֶוען וואוּ דוּ קֶענְסְט און דָארְט זָאלְסְטוּ בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָארְט זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֵייט עֶר אַרוֹיס פוּן דִמְיוֹן, דֶער גַאנְצֶער נוֹשֵׂא פוּן: 'וָואס זָאגְט מֶען אוֹיף מִיר?' 'וָואס וֶועט מֶען טְרַאכְטְן אוֹיף מִיר?' און 'דֶער עוֹלָם וֵוייסְט אַז אִיךְ בִּין אַהֶער און אַהִין?' - וֶוערְט אוֹיס.

ווִידֶער אוֹיב מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מֶען נִישְׁט מְיֻשָּׁב, מֶען לֶעבְּט אִין אַ דִמְיוֹן; אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַמָאל נָאךְ אַ לְוָיָה וֶוען מֶען זֶעצְט זִיךְ אַרָאפּ צוּ דִי עֶרְשְׁטֶע סְעוּדָה, עֶס הֵייסְט דִי 'סְעוּדַת הַבְרָאָה', עֶס אִיז גֶעוֶוען עֶרְלִיכֶע אִידְן, און מֶען הֵייבְּט אָן רֶעדְן: **"בָּרוּךְ ה' עֶס אִיז גֶעוֶוען אַן עוֹלָם בַּיי דִי לְוָיָה"**... אִיךְ טְרַאכְט צוּ מִיר 'וָואס אִיז דָא צוּ טְרַאכְטְן פוּן יֶענֶעם? מֶען קוּמְט דָאךְ פוּן אַ לְוָיָה, אוּ מֶען זֶעט ווִי דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז גָארְנִישְׁט, מֶען נֶעמְט אַ מֶענְטְשׁ און מֶען לֵייגְט אִים אַוֶועק אִין דֶער עֶרְד, זַיינֶע שְׁלִיסְלֶעךְ בְּלַייבְּט דָא, און אַלֶעס בְּלַייבְּט דָא, און מֶען אִיז פַארְנוּמֶען מִיט'ן עוֹלָם'.

## אֶפְשָׁר בֶּעטְסְטוּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט וֶועלְן חֲתוּנָה הָאבְן!

אִיךְ זָאג אַלֶץ פַאר עֶלְטֶערְן, לֶעבּ מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען טְרָאגְט דִיר אָן אַ שִׁידוּךְ נֶעם עֶס. דִי אַלֶע וָואס טְרַאכְטְן 'מַה יֹּאמְרוּ הַבְּרִיּוֹת', און 'וָואס שְׁמוּעֶסְט דֶער עוֹלָם?' - דָאס אִיז דִמְיוֹן, מֶען דַארְף חֲתוּנָה הָאבְן וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן חֲתוּנָה הָאבְן. אַסַאךְ מָאל פַאר אִיךְ טְרָאג אָן אַ שִׁידוּךְ דַארְף אִיךְ קוֹדֶם זִיךְ אִיבֶּער טְרַאכְטְן אוֹיב אִיךְ מֶעג עֶס אָנְטְרָאגְן, וַוייל יֶענֶער וֶועט זִיךְ נָאךְ בַּאלֵיידִיגְן אַז אִיךְ טְרָאג אִים אָן דֶעם שִׁידוּךְ... וֶוער בִּיסְטוּ אַז עֶס פַּאסְט דִיךְ נִישְׁט קַיין אֵיין שִׁידוּךְ?! מֶען דַארְף חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער!

אַ בָּחוּר אִיז גֶעקוּמֶען מִיר זָאגְן אַז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ רִיזִיגֶע צָאל פוּן תְּפִילוֹת, עֶר הָאט שׁוֹין גֶעבֶּעטְן אַ מִילְיָאן תְּפִילוֹת פַאר אַ שִׁידוּךְ, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט שֵׁיינֶערְהֵייט כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְן, **"אֶפְשָׁר בֶּעטְסְטוּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט וֶועלְן חֲתוּנָה הָאבְן!"** דוּ זָאגְסְט אָפּ יֶעדֶע שִׁידוּךְ, דָאס אִיז נִישְׁט פַאר מִיר און דָאס אִיז נִישְׁט פַאר מִיר, וָואס בִּיסְטוּ? וֶוער בִּיסְטוּ?!

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט פַּרְנָסָה, זַיי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נֶעם אַ פַּרְנָסָה צוּ קֶענֶען שְׁפַּייזְן דַיין וַוייבּ און קִינְדֶער, אָבֶער דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נָאר פַארְנוּמֶען מִיט 'וָואס וֶועט מֶען זָאגְן אוֹיף מִיר וֶוען מֶען וֶועט הֶערְן אַז אִיךְ אַרְבֶּעט אִין פְלֵייש גֶעשֶׁעפְט?' און 'וָואס וֶועט זָאגְן אוֹיף מִיר אַז מֶען וֶועט הֶערְן אַז אִיךְ טוּ

דִי סָארְט אַרְבֶּעט? ׳דָאס אִיז אַלֶעס אִיז דִמְיוֹן, גֵיי אַרוֹיס פוּן דִמְיוֹן, לֶעבּ מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז מְחַיֶה אוּן מְהַוֶּה דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דֶער בַּאשֶׁעפֶער מַאכְט אַלֶעס, דֶער בַּאשֶׁעפֶער טוּט אַלֶעס.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דִי מְלַמְדִים לֵייגְן דָאס אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער, אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ דַארְף דָאס אוֹיךְ אַרַיין לֵייגְן, רֶעדְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן שַׁבָּת חֲנוּכָּה דֶעם לִימוּד פוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מוֹהֲרָא״ש זָאגְט, דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֵייסְן קוּמֶען צוּ אִים דִי דְרֵיי צַייטְן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבָּת חֲנוּכָּה אוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, צוּ בַּאקוּמֶען דִי דְרֵיי סָארְט לִימוּדִים וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז, רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּאקוּמְט מֶען אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, שַׁבָּת חֲנוּכָּה בַּאקוּמְט מֶען דִי זַאךְ פוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן שָׁבוּעוֹת בַּאקוּמְט מֶען דִי זַאךְ פוּן לֶערְנֶען, עֶנְדִיגְן נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא אוּן נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

## שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, שַׁבָּת חֲנוּכָּה, שַׁבָּת מְבָרְכִים חוֹדֶשׁ טֵבֵת שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א גֶעוֶוען אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב – לִיבֶּערְטִי יע״א.

## בַּיי סְעוּדָה שְׁלִישִׁית הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א פָארְגֶעלֶערְנְט סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן שמ״ו אוּן שמ״ט.

פַאר וֶוען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פָארְלֶערְנֶען הָאט מֶען גֶעזִיְנְגֶען דֶעם נִיגוּן:

תְּנוּ לִי אֶת לִבְּכֶם וְאוֹלִיךְ אֶתְכֶם בְּדֶרֶךְ חֲדָשָׁה.

רֶבִּי, נֶעם אוּנְזֶער הַארְץ,

פִירְ אוּנְז אוֹיף דַיין נַייעֶם וֶועג, וַוייל אָן דֶעם אִיז אוּנְז טוּנְקְל אוּן שְׁוַוארְץ.

רֶבִּי, וִוי גְלִיקְלִיךְ טוּעֶן מִיר שְׁפִּירְן, וֶוען אוֹיף דַיין וֶועג טוּסְטוּ אוּנְז פִירְן.

## חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן שמ"ו

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט: נִשְׁמַע מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ שֶׁאָמַר מֶען הָאט גֶעהֶערְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, שֶׁהַסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ שֶׁלּוֹ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן שֶׁיָּצָא בָּעוֹלָם, דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, הוּא אַתְחַלְתָּא דִגְאֻלָּה, דָאס אִיז אָן אָנְהֵייבּ פוּן דִי גְאוּלָה וָואס מִיר וַוארְטְן שׁוֹין אַזוֹיפִיל יָאר. וְאָמַר: אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, מֵאַחַר שֶׁיָּצָא בָּעוֹלָם אַזוֹי ווִי עֶס אִיז שׁוֹין אַרוֹיס גֶעקוּמֶען מַיין סֵפֶר אִין דִי וֶועלְט, אֲנִי חָפֵץ מְאֹד שֶׁיִּלְמְדוּ אוֹתוֹ ווִיל אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק מֶען זָאל עֶס לֶערְנֶען, כִּי צְרִיכִים לִלְמֹד אוֹתוֹ הַרְבֵּה מֶען דַארְף עֶס זֵייעֶר אַסַאךְ לֶערְנֶען, עַד שֶׁיִּהְיֶה שָׁגוּר בְּעַל פֶּה בִּיז מֶען וֶועט עֶס קֶענֶען פוּן אוֹיסְנְוֶוייניג, כִּי הוּא מָלֵא מוּסָר ווַייל עֶס אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט מוּסָר, וְהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל מְאֹד לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עֶס וֶועקְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶס שְׁלֶעפְּט אִים צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲשֶׁר אֵין עֲרֹךְ אֵלָיו עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא סֵפֶר ווִי דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וָואס זָאל אַזוֹי שְׁטַארְק קֶענֶען אוֹיפְוֶועקְן אַ מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וּמִי שֶׁעוֹסֵק בְּזֶה הַסֵּפֶר אוּן וֶוער עֶס לֶערְנְט דֶעם סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אֵין צָרִיךְ עוֹד סֵפֶר מוּסָר, דַארְף שׁוֹין נִישְׁט נָאךְ מוּסָר סְפָרִים. אַחַר־כָּךְ אָמַר בְּפֵרוּשׁ שֶׁהַלִּמּוּד בְּחִבּוּרָיו הַקְּדוֹשִׁים הוּא אַתְחַלְתָּא דִגְאֻלָּה בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן, נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, אַז מֶען לֶערְנְט זַיין הֵיילִיג סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אִיז דָאס אָן אַתְחַלְתָּא דגאולה.

## וָואס וֶועט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען?

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: וָואס מֵיינְט אַז דֶער סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אִיז אַן אַתְחַלְתָּא דִגְאֻלָּה? נָאר, וָואס וֶועט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען? מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן: 'עֶס וֶועט זַיין אַזוֹי' אוּן 'עֶס וֶועט זַיין אַזוֹי', אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ"ם שְׁרַייבְּט (הִלְכוֹת מְלָכִים וּמִלְחֲמוֹתֵיהֶם, פֶּרֶק יב): וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט דִי וֶועלְט ווַייטֶער אָנְגֵיין אַזוֹי ווִי עֶס אִיז בִּיז יֶעצְט, אֵיין חִילוּק וֶועט זַיין, יֶעדֶער וֶועט טְרַאכְטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶער וֶועט רֶעדְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְווֵייטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין מַחֲלֹקֶת, עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין קִנְאָה, יֶעדֶער וֶועט עוֹסֵק זַיין נָאר אִין ווִי אַזוֹי עֶר קֶען וֶוערְן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוּן אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם סֵפֶר 'לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן' אִיז דָאס אַן 'אַתְחַלְתָּא דִגְאוּלָה', עֶס הֵייבְּט זִיךְ שׁוֹין אָן דִי גְאוּלָה בַּיי מִיר, דֶער רֶבִּי טוּט מִיט מִיר דָאס וָואס מָשִׁיחַ וֶועט טוּן.

אַז מִיר זֶענֶען זִיךְ צוּזַאם גֶעקוּמֶען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף שַׁבָּת חֲנוּכָּה, דַארְפְן מִיר זֶען צוּ פָאלְגְן דֶער רֶבִּי, זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אָנְצוּהֵייבְּן אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם רֶבִּינְ'ס סֵפֶר.

## ווי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן?

ווי אַזוֹי מַאכְט מֶען אַ שִׁיעוּר אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן? - שְׁרַייבְּט רֶבִּי נָתָן ווַייטֶער: וְאָמַר שֶׁטּוֹב לִקְבֹּעַ לְעַצְמוֹ שְׁנֵי שִׁעוּרִים לִלְמֹד סְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט עֶס אִיז גוּט צוּ הָאבְּן צְוֵויי שִׁיעוּרִים אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, שִׁעוּר אֶחָד פָּשׁוּט לִלְמֹד בִּמְהִירוּת הַרְבֵּה מְאֹד אֵיין שִׁיעוּר זָאל מֶען עֶס לֶערְנֶען פָּשׁוּט'עֶרְהֵייט, זֵייעֶר שְׁנֶעל, אַזוֹי ווִי מִיר לֶערְנֶען, כְּדֵי שֶׁיִּהְיֶה שָׁגוּר בְּעַל־פֶּה כְּדֵי מֶען זָאל עֶס אוֹיף אוֹיסְנְווֵיינִיג, וְשִׁעוּר אֶחָד לִלְמֹד בְּעִיּוּן גָּדוֹל אוּן נָאךְ אַ שִׁיעוּר עֶס צוּ לֶערְנֶען בְּעִיּוּן, כִּי יֵשׁ עֲמְקוּת גָּדוֹל וְנִפְלָא בִּסְפָרָיו ווַייל דֶער סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אִיז זֵייעֶר אַ טִיפֶע סֵפֶר, וְעַיֵּן בְּמָקוֹם אַחֵר מִזֶּה מֵענְיַן עֹצֶם הָעֲמְקוּת הַגָּדוֹל שֶׁיֵּשׁ בְּתוֹרָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה וְהַנּוֹרָאָה מְאֹד עַד אֵין סוֹף וְאֵין תַּכְלִית קוּק אַרַיין אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן קל"א) אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסֶע עֲמְקוּת ווָאס לִיגְט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרוֹת פוּן סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן.

## חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן שמ"ט

שְׁרַייבְּט רֶבִּי נָתָן ווַייטֶער: פַּעַם אַחַת הָיָה מְשַׁבֵּחַ אֶת הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ מְאֹד, אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר אוֹיסְגֶערִימְט זַיין סֵפֶר, וְאָמַר: אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל־יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ אַז אַ מֶענְטְשׁ ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן, עֶר ווִיל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל עֶר לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוּן עֶר ווֶעט ווֶערְן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל תְּשׁוּבָה, ווַייל דֶער סֵפֶר שְׁלֶעפְּט צוּרִיק אַ מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז אַ זַאךְ ווָאס מֶען קֶען עֶס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין, מֶען דַארְף עֶס פְּרוּבִּירְן, מֶען דַארְף עֶס אָנְהֵייבְּן טוּן, מֶען דַארְף זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, - אִין אָנְהֵייבּ אִיז עֶס זֵייעֶר שְׁווֶוער, ווַייל עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין גְרִינְגֶע סֵפֶר, קוֹדֶם דַארְף מֶען אַסַאךְ בְּלוֹיז זָאגְן דִי ווֶערְטֶער בִּיז מֶען הֵייבְּט אָן צוּ בַּאקוּמֶען אַ שְׁטִיקְל גֶעפִיל, אַ שְׁטִיקְל הַשָּׂגָה אִינֶעם סֵפֶר, אָבֶּער מִיט דִי צַייט ווֶעט מֶען זֶען ווִי דֶער סֵפֶר שְׁלֶעפְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וְהָיָה חָפֵץ וּמִשְׁתּוֹקֵק מְאֹד דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעווָאלְט, שֶׁיַּדְפִּיסוּ סִפְרוֹ עוֹד כַּמָּה פְּעָמִים וְיִתְפַּשְּׁטוּ בָּעוֹלָם מֶען זָאל דְרוּקְן דֶעם סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן עֶס פַארְשְׁפְּרֵייטְן אִין דִי ווֶעלְט. וְאָמַר: אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, שֶׁיִּהְיוּ בְּנֵי אָדָם שֶׁיִּלְמְדוּ וְיִתְפַּלְּלוּ עַל־יְדֵי הַסֵּפֶר הַזֶּה עֶס ווֶעלְן זַיין מֶענְטְשְׁן ווָאס ווֶעלְן לֶערְנֶען אוּן דַאווֶענֶען דוּרְךְ דֶעם סֵפֶר. וְאָמַר: אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו ווֶער עֶס ווֶעט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר, רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, נִישְׁט צוּ זוּכְן צוּ טְשֶׁעפֶּען אָדֶער מְנַצֵּחַ זַיין יֶענֶעם, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת נָאר עֶר ווֶעט עֶס לֶערְנֶען מִיט אָן אֱמֶת, אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קֻשְׁיוֹת לִבָּבוֹ ווֶעט זִיךְ אִים אוֹיפְשְׁטָאפְּן אַלֶע זַיינֶע אָדֶערְן,

**וְאָמַר בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן:** און דֶער רֶבִּי הָאט עֶס גֶעזָאגְט מִיט דֶעם לָשׁוֹן, ״סֶע וֶועט אִים אַלֶע אָדֶערְן טְרֶענֶען״.

## עֶס שְׁטָאפְּט אוֹיף אַלֶע אָדֶערְן!

אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז פַארְשְׁטָאפְּט, דָאס מֵיינְט, עֶר אִיז שׁוֹין וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז אִים אוֹיסְגֶעלָאשְׁן זַיינֶע גֶעפִילְן, און עֶר פַאלְט נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת, אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן וֶועט עֶס אִים אוֹיפְשְׁטָאפְּן זַיינֶע אָדֶערְן. אַזוֹי וִוי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נֶעבֶּעךְ אַ הַארְץ אַטַאקֶע דַארְף מֶען אִים אוֹיפְשְׁטָאפְּן זַיינֶע אָדֶערְן, אַזוֹי אִיז אוֹיךְ בְּרוּחָנִיּוּת, אַז אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרָאפּ אִין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, פַארְלִירְט זַיין גַאנְצֶע גֶעפִיל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס וֶוערְט אִים פַארְשְׁטָאפְּט, עֶס צִיט אִים נִישְׁט צוּ דַאוְוענֶען, עֶס צִיט אִים נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען, עֶס צִיט אִים נִישְׁט קַיין מִצְוֹת, עֶס צִיט אִים נָאר עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אָבֶּער אוֹיב מֶען לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי׳ן, הֵייבְּט עֶס אָן צִיעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֶוערְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**וְאָמַר:** און דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, **שֶׁכָּל אָדָם צָרִיךְ לְהִשְׁתַּדֵּל לִקְנוֹת הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ** יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל קוֹיפְן זַיין סֵפֶר, **וּמִי שֶׁאֵין לוֹ בַּמֶּה לִקְנוֹת וְכוּ׳** און וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט צוּ קוֹיפְן, **יִמְכֹּר כַּר מִתַּחַת רֹאשׁוֹ וְיִקְנֶה הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ.** זָאל עֶר פַארְקוֹיפְן אַלֶע זַיינֶע סְפָרִים, אַלֶעס וָואס עֶר הָאט, אֲפִילוּ זַיין קוּשְׁן מִיט זַיין דֶעק, צוּ קֶענֶען קוֹיפְן דֶעם סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, **וְעוֹד סִפֵּר מִזֶּה וְעַיֵּן בְּמָקוֹם אַחֵר עוֹד מִזֶּה.**

## אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעלֵייזְט!

אַז מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוֹיף שַׁבָּת חֲנוּכָּה צוּם רֶבִּי׳ן, דַארְפְן מִיר זִיךְ בַּאנֵייעֶן און אָנְהֵייבְּן אַ שִׁיעוּר אִינֶעם רֶבִּי׳ס סְפָרִים, אַזוֹי וֶועט זַיין אַן אַתְחַלְתָּא דִגְאוּלָה, עֶס וֶועט פַּאסִירְן דָאס וָואס עֶס וֶועט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען.

מָשִׁיחַ גֵייט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט אַ לוֹיטֶערְקֵייט, מֶען וֶועט אָנְהֵייבְּן שְׁפִּירְן אֵייבֶּערְשְׁטֶער, מֶען וֶועט אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אוֹטָאמַאטִישׁ וֶועלְן אַוֶּועק פַאלְן אַלֶע מַחֲלֹקֶת, קִנְאָה און שִׂנְאָה, אַלֶע מִידוֹת רָעוֹת וָואס אִיז דָא בַּיי אַ מֶענְטְשׁ מֶען אִיז פַארְנוּמֶען מִיט ׳דֶעם׳, ׳יֶענֶעם׳, ׳אִיךְ׳ און ׳דִיךְ׳ – אַז מֶען הֵייבְּט אָן לֶעבְּן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן דִי אַלֶע זַאכְן, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים וֶוערְט מֶען אוֹיךְ אוֹיסְגֶעלֵייזְט, מֶען הֵייבְּט אָן לֶעבְּן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## אַז מֶען גייט צום צַדִיק – שְׁטַארְבְּט מֶען נִישְׁט פוּן הוּנְגֶער

דָאס זֶעט מֶען דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, דֶער פָּסוּק דֶערְצֵיילְט (בְּרֵאשִׁית מא, נה): "וַתִּרְעַב כָּל אֶרֶץ מִצְרַיִם וַיִּצְעַק הָעָם אֶל פַּרְעֹה לַלָּחֶם", גַאנְץ לַאנְד מִצְרַיִם אִיז גֶעוָוארְן דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דִי הוּנְגֶער, זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט וָואס צוּ עֶסְן, "וַיֹּאמֶר פַּרְעֹה לְכָל מִצְרַיִם", הָאט זֵיי פַּרְעֹה גֶעזָאגְט: "לְכוּ אֶל יוֹסֵף", גֵייט צוּ יוֹסֵף, גֵייט צוּם צַדִיק, "אֲשֶׁר יֹאמַר לָכֶם תַּעֲשׂוּ", טוּט וָואס דֶער צַדִיק וֶועט עֶנְק זָאגְן; אַז מֶען לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּנֶעם צַדִיק, שְׁטַארְבְּט מֶען נִישְׁט פוּן הוּנְגֶער, מֶען הֵייבְּט אָן בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל אִין דַאוֶּוענֶען, אִין לֶערְנֶען, אַ גֶעפִיל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז אַ פֶּלֶא'דִיגֶע זַאךְ, וֶוער עֶס לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, בִּפְרַט וֶוען מֶען לֶערְנְט אֲשֶׁר בַּנַּחַל, דִי בְּרִיוְו'ן וָואס מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן, מוֹהֲרָא"ש הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דֶער תַּמְצִית פוּן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוּן אַרָאפּ גֶעלֵייגְט אוֹיף אַ פָּשׁוּטְ'עֶ לָשׁוֹן, אַז וֶוער עֶס עֶפְנְט עֶס נָאר אוֹיף הֵייבְּט אִים אָן צוּ צִיעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אֲפִילוּ דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶּוענֶען, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ לֶערְנֶען, אַז דוּ עֶפְנְסְט אוֹיף דֶעם סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל, דוּ לֵיינְסְט אַ בְּרִיו, פְּלוּצְלִינְג הֵייבְּט עֶס אָן צוּ שְׁלֶעפְּן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אִיךְ גֵיי שׁוֹין דַאוֶּוענֶען מַעֲרִיב, אִיךְ גֵיי שׁוֹין דַאוֶּוענֶען מִנְחָה, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג נִישְׁט גֶעעֶפֶנְט אַ מִשְׁנָיוֹת, יֶעצְט גֵיי אִיךְ צוּרִיק נֶעמֶען דִי מִשְׁנָיוֹת אוּן לֶערְנֶען, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג נִישְׁט גֶעעֶפֶנְט קַיין חוּמָשׁ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ פַארְגֶענוּמֶען אָנְהֵייבּ יָאר צוּ לֶערְנֶען יֶעדֶע וָואךְ חוּמָשׁ, יֶעצְט הַאלְט מֶען שׁוֹין בַּיי פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, בַּיי מִנְחָה הָאט מֶען שׁוֹין גֶעלֵיינְט וַיִּגַּשׁ, עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער בְּרֵאשִׁית, נֹחַ, לֶךְ לְךָ, וַיֵּרָא, חַיֵּי שָׂרָה, תּוֹלְדוֹת, וַיֵּצֵא, וַיִּשְׁלַח, וַיֵּשֶׁב אוּן מִקֵּץ, יֶעצְט גֵיי אִיךְ נֶעמֶען אַ חוּמָשׁ אוּן אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ.

## אִין מַעֲבִיר סִדְרָא זַיין לִיגְט אַלֶע סְגוּלוֹת!

אַז מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף שַׁבָּת חֲנוּכָּה דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן צוּרִיק אָנְצוּהֵייבְּן לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. לָאמִיר אָנְהֵייבְּן יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, עֶס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג. אַ מֶענְטְשׁ לוֹיפְט צוּ זַיין בִּיזְנֶעס עֶר וִויל פַארְדִינֶען גֶעלְט, אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ וֶועסְטוּ מַאכְן גֶעלְט, דוּ וֶועסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין פַּרְנָסָה. מוֹהֲרָא"ש בְּרֶענְגְט אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל, אַ וָואךְ וָואס מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה הָאט מֶען יֶענֶע וָואךְ אַ הֶפְסֵד; בִּפְשְׁטוּת אִין דִי גְמָרָא (בְּרָכוֹת ח.) שְׁטֵייט אַז מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין אִיז אַ סְגוּלָה פַאר 'אֲרִיכוּת יָמִים', אָבֶּער מוֹהֲרָא"ש בְּרֶענְגְט פוּן צַדִיקִים אַז אִין מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין לִיגְט

אַלֶע סְגוּלוֹת, אֲרִיכוּת יָמִים, פַּרְנָסָה, וֶוערְן אַ צַדִיק און זִיךְ קֶענֶען קְרִיגְן מִיטְ'ן יֵצֶר הָרָע.

אִינְגֶעלַייט דֶערְצֵיילְן מִיר אַז זֵיי זֶעעֶן דָאס אָפְן, עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעלָאזְט קַיין אֵיין וָואךְ פון מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אֵיין וָואךְ הָאט עֶר בְּטָעוּת אוֹיסְגֶעלָאזְט, און עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַן עֶקְסִידֶענְט, און עֶר דַארְף זִיךְ שׁוֹין מוּטְשֶׁען מִיט זַיין קַאר און אִינְשׁוּרֶענְס, עֶר קֶען נִישְׁט אַרוֹיס קְרִיכְן פון דֶעם; עֶס לוֹינְט נִישְׁט צוּ דֶערְלֵייגְן.

## יֶעדֶע בְּרִיוו וֶועקְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ!

מֶען דַארְף גֵיין צוּ יוֹסֵף, צוּ הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַז נִישְׁט וֶוערְט אַ הוּנְגֶער און דִי גַאנְצֶע לַאנְד וֶוערְט אוֹיס, ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית מז, יג): **"וַתֵּלַהּ אֶרֶץ מִצְרַיִם וְאֶרֶץ כְּנַעַן מִפְּנֵי הָרָעָב"**. יֶעדֶער וֶוערְט דֶערְשְׁרָאקְן, 'וָואס וֶועט זַיין?' 'וָואס וֶועט זַיין?' גֵיי צוּ יוֹסֵף, מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, דָאס וֶועט דִיךְ שׁוֹין צִיעֶן צוּם חוּמָשׁ, דָאס וֶועט דִיךְ שׁוֹין צִיעֶן צוּ אַ מִשְׁנָיוֹת, דָאס וֶועט דִיךְ שׁוֹין צִיעֶן צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם דַף גְמָרָא, דָאס וֶועט דִיךְ שׁוֹין צִיעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פְּרוּבִּירְט עֶס אוֹיס, עֶפְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, בִּפְרַט דִי בְּרִיוְון פון מוֹהֲרַא"ש; דִי בְּרִיוְון זֶענֶען זֵייעֶר זֵייעֶר שַׁיין, יֶעדֶע בְּרִיוו וֶועקְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן מִיט תַּכְלִית. בַּאלְד גֵייט מֶען שׁוֹין אַוֶועק פון דֶער וֶועלְט, וָואס גֵייט מֶען מִיט נֶעמֶען? וָואס נֶעמְט אַ מֶענְטְשׁ מִיט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט? זַיין תְּפִילִין, זַיינֶע צִיצִית, זַיין חֲנוּכָּה לֶעכְט, יֶעדֶע דִיבּוּר וָואס אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִיבּוּרִים - דָאס נֶעמְט מֶען מִיט, דָאס אִיז דִי עֲשִׁירוּת פון אַ מֶענְטְשׁ.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן עֶר מֵיינְט אַז קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים אוֹיךְ נִישְׁט, און עֶר זָאגְט אַרוֹיס אַפָּאר דִיבּוּרִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר, אִיךְ בִּין אַזוֹי וַוייט פון דִיר, זַיי מִיר מְקָרֵב צוּ דִיר"**, **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זַיין גוּט, אִיךְ וִויל נִישְׁט זִינְדִיגְן"**, וֶוערְט פון דֶעם אַזַא מַהְפֵּכָה אִין הִימְל, עֶס וֶוערְט אַזַא אִיבֶּערְדְרֵייעֶנִישׁ! וַוייל אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַסַאךְ מְקַטְרְגִים, דִי אַלֶע מַלְאָכִים, דִי מַזִיקִים, וָואס וֶוערְן בַּאשַׁאפְן פון דִי עֲבֵירוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטוּן, שְׁטֵייעֶן אוֹיבְן אִין הִימְל, זַיי שְׁרֵייעֶן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ שֵׁיגֶץ, עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, און מֶען דַארְף אִים גֶעבְּן דִי אַלֶע עוֹנְשִׁים וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי סְפָרִים פַאר דִי עֲבֵירָה פון פְּגַם הַבְּרִית, מֶען דַארְף אִים אַוֶועק נֶעמֶען דִי פַּרְנָסָה, מֶען דַארְף אִים אַוֶועק נֶעמֶען זַיינֶע קִינְדֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אָבֶּער ווִי נָאר דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט אַרוֹיס אַ דִיבּוּר: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זַיין גוּט, אִיךְ וִויל נִישְׁט זִינְדִיגְן"**, וֶוערְט אַ מַהְפֵּכָה, אַלֶע זֶעעֶן אַז עֶס אִיז לִיגְנְט וָואס דִי מְקַטְרְגִים זָאגְן, קוּק עֶר

רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וִויל יָא זַיין גוּט!

דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז נָאר, אֲפִילוּ מֶען הָאט שׁוֹין גֶעהֶערְט דִי אַלֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, פַארְגֶעסְט מֶען עֶס, אָבֶּער אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, מֶען לֶערְנְט לִקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, אָדֶער מֶען לֶערְנְט דִי בְּרִיוְון וואוּ עֶס אִיז צוּזַאמְגֶענוּמֶען דִי עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פוּן רֶבִּי׳ן, דֶערְמַאנְט מֶען זִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען גֶעבְּט אַ קְרֶעכְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וְוִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: ״דָאס הָאבּ אִיךְ גֶע׳פּוֹעֶלְ׳ט, וֶוער עֶס וֶועט רֶעדְן פוּן מִיר, וֶוען מֶען וֶועט רֶעדְן פוּן מִיר - וֶועט מֶען זִיךְ בַּאנֵייעֶן, מֶען וֶועט וֶוערְן וִוי אַ נֵיי גֶעבּוֹירֶענֶער מֶענְטְשׁ״; מֶען וֶועט אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט

אַז מֶען וֶועט זִיךְ יֶעצְט מַאכְן אַ פְרִישֶׁע הַתְחָלָה צוּ אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין אַז אַלֶע אָדֶערְן וֶועלְן טְרֶענֶען, עֶס וֶועלְן זִיךְ עֶפֶענֶען אַלֶע אָדֶערְן, אוּן מֶען וֶועט וֶוערְן אָן עֶרְלִיכֶער אִיד. רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: ״אִינְגֶערְמַאן, צוּ אַ גוּף וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן וֶועלְן דִי וֶוערֶעם אִין קֶבֶר נִישְׁט צוּקוּמֶען״, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג, מֶען לֵייגְט אַרַיין אַ מֶענְטְשׁ אִין דֶער עֶרְד, אוּן עֶס וֶוערְט פוּן אִים אַ זַאק וֶוערֶעם, דָאס גֶעשֶׁעט צוּ דִי שֶׁענְסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע, צִי דוּ ווִילְסְט אָדֶער דוּ ווִילְסְט נִישְׁט, ווִינְטֶער אִיז מֶען נָאךְ פַארְפְרוֹירְן אָבֶּער זוּמֶער וֶוערְט עֶס אַ זַאק וֶוערֶעם, וֶוער קֶען טְרַאכְטְן אַזַא זַאךְ אוֹיף זִיךְ? ׳פוּן מִיר וֶועט וֶוערְן אַ זַאק וֶוערֶעם?!׳ אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן וֶועלְן דִי וֶוערֶעם נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ דִיר, אוּן דָאס גֵייט נִישְׁט נָאר אַרוֹיף אוֹיף נָאכְ׳ן שְׁטַארְבְּן, דָאס אִיז אוֹיךְ בִּשְׁעַתְ׳ן לֶעבְּן, אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים בַּאקוּמְט אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז עֶר הָאט נִישְׁט צוּ טוּן מִיט קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט.

## בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּיים חֲנוּכָּה לֶעכְט!

עֶס אִיז נָאךְ אִיבֶּער גֶעבְּלִיבְּן צְוֵויי נֶעכְט צוּ צִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע מְנוֹרָה; זֶעץ זִיךְ אַוֶועק בַּיי דִי מְנוֹרָה, זָאג אַ וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל זַיין גוּט״, ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ גֵיי שׁוֹין דַאוֶוענֶען, שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, דָאס אִיז מַיין נֵייעֶ בִּיזְנֶעס, פַארְדֶעם גֵיי אִיךְ מֶער נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ, אִיךְ הֵייבּ נִישְׁט אָן דֶעם טָאג פַאר אִיךְ קוּם אִין שׁוּל״, אוֹיף דֶעם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זַיין זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק, מֶען הֵייבְּט נִישְׁט אָן דֶעם טָאג מִיט קֵיין שׁוּם אַנְדֶערֶע זַאךְ, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ לוֹיפְט מֶען אִין שׁוּל אָנְטוּן תְּפִילִין אוּן מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ דַאוֶוענֶען,

"אָבֶער אִיךְ דַארְף שׁוֹין לוֹיפְן", - בַּאלְד וֶועסְטוּ לוֹיפְן, קוֹדֶם טוּ אָן תְּפִילִין, אֵיין מָאל מֶען שְׁטוּפְּט אָפּ שַׁחֲרִית דַאוֶועבְט מֶען נִישְׁט נָאכְדֶעם, נָאךְ חֲצוֹת קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט דַאוֶוענֶען, פִּיר אַזֵייגֶער אִיז שׁוֹין דִי שְׁקִיעָה מֶען גֶעבְּט זִיךְ אַ כַאפּ אוּן דֶער טָאג אִיז שׁוֹין פַּארְבַּיי. אַזוֹי גֵייט אַרִיבֶּער אֵיין טָאג נָאכְ'ן אַנְדֶערְן אוּן דוּ דַאוֶוענְסְט נִישְׁט!

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי דִי חֲנוּכָּה לִיכְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען, אִיךְ וִויל אִינְזִין הָאבְּן דָאס דַאוֶוענֶען, אִיךְ וִויל מִיךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן בַּיים דַאוֶוענֶען מִיט נַארִישְׁקֵייטְן", נָאכְדֶעם בֶּעט אוֹיךְ דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע קְדֻשּׁוֹת: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זַיין אַ אִיד, אִיךְ וִויל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף מַיינֶע אוֹיגְן אִיךְ זָאל נִישְׁט קוּקְן קֵיין עֲבֵירוֹת", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף מַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, אִיךְ וִויל הָאבְּן אַ רֵיינֶע מֹחַ מַחֲשָׁבָה", דִי גַאנְצֶע לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן בַּאשְׁטֵייט פוּן 'שְׁמִירַת הַבְּרִית', 'שְׁמִירַת הַבְּרִית', וָואס אִיז שְׁמִירַת הַבְּרִית? אַלֶעס אִיז אִין מֹחַ, מֶען זָאל נָאר טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נִישְׁט טְרַאכְטְן קֵיין נַארִישְׁקֵייטְן.

## זֹאת חֲנוּכָּה — דֶער גְּמַר פוּן אַלֶע תִּיקוּנִים

זוּנְטָאג נַאכְט אִיז 'זֹאת חֲנוּכָּה'. עֶס שְׁטֵייט פוּן הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים אַז זֹאת חֲנוּכָּה אִיז דִי גְמַר פוּן אַלֶע תִּיקוּנִים. אַלֶע תְּפִילוֹת אוּן אַלֶע מִצְוֹת וָואס מִיר הָאבְּן גֶעטוּן, מֶען הָאט גֶעבֶּענְקְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל, סְלִיחוֹת, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן[1], עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה, יוֹם הַקָּדוֹשׁ, סוּכּוֹת, הוֹשַׁעְנָא רַבָּא, שְׁמִינִי עֲצֶרֶת אוּן שִׂמְחַת תּוֹרָה; וֶוען עֶס קוּמְט זֹאת חֲנוּכָּה - דֶעמָאלְט וֶוערְט דִי גְמַר פוּן אַלֶע תִּיקוּנִים.

מִיר וֵוייסְן נִישְׁט פִּינְקְטְלִיךְ וָואס דָאס מֵיינְט אַז זֹאת חֲנוּכָּה אִיז דִי גְמַר פוּן אַלֶע תִּיקוּנִים, מֶען קֶען עֶס אַבִּיסְל מַסְבִּיר זַיין מִיט אַ מָשָׁל, אַן עֶלֶעקְטֶערִישָׁאן קוּמְט אַרַיין אִין אַ הוֹיז, עֶר צִיט וֵוייעֶרְס אַרוּם דִי גַאנְצֶע הוֹיז, עֶר גְרֵייט אַלֶעס אָן, נָאכְדֶעם דַארְף קוּמֶען דֶער עֶלֶעקְטֶערִיק קָאמְפֶּעִנִי בַּאהֶעפְטְן דִי אַלֶע וֵוייעֶרְס צוּ דִי לֶעקְטֶערִיק עֶס זָאל אָנְהֵייבְּן אַרְבֶּעטְן, מִיט דֶעם וֶוערְט גֶעעֶנְדִיגְט דִי גַאנְצֶע אַרְבֶּעט וָואס דֶער עֶלֶעקְטֶערִישָׁאן הָאט פְרִיעֶר אָנְגֶעגְרֵייט, דָאס גֶעשֶׁעט 'זֹאת חֲנוּכָּה', אַלֶעס וָואס מִיר הָאבְּן גֶעטוּן

1 דָאס יָאר אִיז עֶס גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע נְסִיעָה, אוּן עֶס הָאט גֶעקָאסְט אַסַאךְ גֶעלְט, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיב יֶעדֶער הָאט זִיךְ שׁוֹין אוֹיסְגֶעצָאלְט זַיינֶע חוֹבוֹת וָואס מֶען הָאט גֶעבָּארְגְט מֶען זָאל קֶענֶען קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז יֶעצְט זֶענֶען מִיר שׁוֹין אוֹיסְגֶערוּט פוּן דִי שְׁוֶוערֶע נְסִיעָה; אַזוֹי אִיז עֶס מִיט יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ, בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה אִיז עֶס שְׁוֶוער, נָאכְדֶעם אִיז עֶס זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק, מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ: 'אָה, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעשְׁלֶעפְּט, אוּן בִּין גֶעקוּמֶען אוּן גֶעגַאנְגֶען אַבִּי צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי'ן'.

בִּיז יֶעצְט אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי מֶען צִיט ווייעֶרס, מִיר הָאבְּן גֶעטוּן מִצְוֹת, מִיר הָאבְּן גֶעבֶּענְקְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעצְט קוּמְט 'זֹאת חֲנוּכָּה', אוּן עֶפֶּעס וֶוערְט פוּן אַלֶע אוּנְזֶערֶע עֲבוֹדוֹת, אִיךְ ווייס נִישְׁט צִי מִיר גֵייעֶן דָאס שְׁפִּירְן, אָבֶּער דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס גֶעשֶׁעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל קֶענֶען אַרוֹיס גֵיין פוּן דִי חֲנוּכָּה טֶעג אוּן זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, מִיר זָאלְן זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן אָנְהֵייבְּן גְלֵייבְּן אִין דִי תְּפִילִין וָואס מֶען טוּט אָן, מִיר זָאלְן אָנְהֵייבְּן גְלֵייבְּן אִין דִי צִיצִית וָואס מֶען גֵייט, מִיר זָאלְן אָנְהֵייבְּן גְלֵייבְּן אִין דִי מְזוּזָה וָואס מֶען הָאט, מִיר זָאלְן אָנְהֵייבְּן גְלֵייבְּן אִין אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען טוּט, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן **לִכְבוֹד שַׁבָּת מְבָרְכִים**: "יְחַדְּשֵׁהוּ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עָלֵינוּ וְעַל כָּל עַמּוֹ בֵּית יִשְׂרָאֵל בְּכָל מָקוֹם שֶׁהֵם. לְטוֹבָה וְלִבְרָכָה. לְשָׂשׂוֹן וּלְשִׂמְחָה. לִישׁוּעָה וּלְנֶחָמָה. לְפַרְנָסָה טוֹבָה וּלְכַלְכָּלָה. לְחַיִּים טוֹבִים וּלְשָׁלוֹם. לִשְׁמוּעוֹת טוֹבוֹת. וְלִבְשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת. וְלִגְשָׁמִים בְּעִתָּם. וְלִרְפוּאָה שְׁלֵמָה. וְלִגְאוּלָה קְרוֹבָה וְנֹאמַר אָמֵן".

## מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת מִקֵּץ שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, א' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, יוֹם ו' דַּחֲנוּכָּה, אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסְאַרְטִיגֶע מַעֲמָד 'חֲנֻכַּת הַבַּיִת' פַאר'ן נֵייעֶם בִּנְיָן הַתַּלְמוּד תּוֹרָה אִין שְׁטֶעטְל.

### שַׁבָּת חֲנוּכָּה אִיז אֵיינֶע פוּן דִי דְרֵיי צֵייטְן וָואס מֶען פְלֶעגְט קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן: אַ גוּטֶע וָואךְ, אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ, אַ גוּטְן חֲנוּכָּה. גֶעלוֹיבְּט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ צוּזַאמְען קוּמֶען אַזַא שֵׁיינֶע קִיבּוּץ שַׁבָּת חֲנוּכָּה. מִיר ווייסְן אַלֶע אַז בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דְרֵיי צֵייטְן אִין יָאר וָואס וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אוּן וֶוער עֶס הָאט גֶעגְלֵייבְּט אִין רֶבִּי'ן אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבָּת חֲנוּכָּה אוּן שָׁבוּעוֹת, דֶעמָאלְט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרוֹת, וָואס פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן דֶער סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, רוֹב פוּן דִי לַאנְגֶע תּוֹרוֹת פוּן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אִיז וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט רֹאשׁ

הַשָּׁנָה, שַׁבָּת חֲנוּכָּה אוּן שָׁבוּעוֹת.

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, וָואס זֶענֶען דִי דְרַיי צַייטְן וָואס מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי׳ן? רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועקְט אוּנְז דֶער רֶבִּי אוֹיף פוּן שְׁלָאף, וָואס הֵייסְט דֶער רֶבִּי וֶועקְט אוּנְז אוֹיף פוּן שְׁלָאף? וֶוער שְׁלָאפְט? יֶעדֶער אִיז אוֹיף, מֶען קוּמְט מֶען גֵייט! נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן ס) וִוי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ עֶר קוּמְט אוּן גֵייט, עֶר מַאכְט גֶעשֶׁעפְטְן, עֶר אִיז מַצְלִיחַ, אִיז אַלֶעס אַזוֹי וִוי אַ שְׁלָאף, דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט מִיט דֶעם אוֹיס דִי גְמָרָא אִין מַסֶּכֶת תַּעֲנִית (תַּעֲנִית כג.) אַז חוֹנִי הַמְּעַגֵּל הָאט זִיךְ גֶעווָאוּנְדֶערְט אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (תְּהִלִּים קכו, א): בְּשׁוּב ה׳ אֶת שִׁיבַת צִיּוֹן הָיִינוּ כְּחֹלְמִים, ״מִי אִיכָּא דְּנִים שַׁבְעִין שְׁנִין?!״ וִוי קֶען זַיין אַ מֶענְטְשׁ זָאל שְׁלָאפְן זִיבֶּעצִיג יָאר? וִוי קֶען זַיין אַ מֶענְטְשׁ זָאל דוּרְךְ שְׁלָאפְן דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן?!

זָאגְט דֶער רֶבִּי, וִוי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט נִישְׁט צוּם צַדִּיק, אִיז אַלֶעס בַּיי אִים אַזוֹי וִוי אַ חָלוֹם, אַזוֹי וִוי אַ שְׁלָאף, אַז מֶען קוּמְט צוּם צַדִּיק, אַז מֶען קוּמְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וֶועקְט דֶער רֶבִּי אוּנְז אוֹיף פוּן שְׁלָאף, עֶר וַוייזְט פַארְ׳ן מֶענְטְשׁ אַז ״דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר״, ״רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן״, ״שְׁמוּעֶס מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן״, ״וָואס דוּ דַארְפְסְט בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן״, דָאס אִיז דִי נְקוּדָה פַארְוָואס מִיר גֵייעֶן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

נָאכְדֶעם קוּמְט מֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוֹיף שַׁבָּת חֲנוּכָּה, שַׁבָּת חֲנוּכָּה בַּאקוּמְט מֶען דֶער עִנְיָן פוּן ״תּוֹדָה וְהוֹדָאָה״, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. שַׁבָּת הָאט מֶען אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן דֶעם; אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט זִיךְ נִישְׁט, מֶען אִיז נָאר פַארְנוּמֶען אַז דָאס פֶּעלְט מִיר אוּן דָאס פֶּעלְט מִיר, גֶעב זִיךְ אַ שְׁטֶעל אָפּ אַ מִינוּט אוּן זָאג: ״אִיךְ דַאנְק דִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער״ ״אִיךְ לוֹיב דִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער״, ״בִּיסְט אַזוֹי גוּט צוּ מִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער״, דָאס בַּאקוּמְט מֶען בַּיים רֶבִּי׳ן שַׁבָּת חֲנוּכָּה.

שָׁבוּעוֹת בַּאקוּמְט מֶען דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו), אַ וֶועג פַאר יֶעדְן אִיד צוּ לֶערְנֶען.

## שַׁבָּת חֲנוּכָּה דַאנְקְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אוֹיף וָואס מֶען הָאט פַארְרוּפְן דִי הַיינְטִיגֶע מְסִבָּה אִיז ״לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל - אַז מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן״.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן כב; סִימָן קצא), מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז דֶער גַּן עֵדֶן אוּן גֵיהִנּוֹם אִיז אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, דֶער גַּן עֵדֶן אוּן גֵיהִנּוֹם אִיז אוֹיף דִי וֶועלְט! מֶען קֶען הֶערְן וִוי מֶענְטְשְׁן רֶעדְן ״מַיין לֶעבְּן אִיז אַ גֵיהִנּוֹם! אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען פָּטוּר וֶוערְן פוּן גֵיהִנּוֹם?״ - וִוי אַזוֹי קֶען מֶען פָּטוּר וֶוערְן פוּן צָרוֹת? דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען הָאט אַ צַדִּיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שַׁיינְט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ אַזַא

שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, בִּיז דֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן אֵייבֶּערְשְׁטֶער, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן אַז ׳עֶס אִיז מִיר גוּט אִין לֶעבְּן׳, אוּן יֶעדֶע זַאךְ דַאנְקְט עֶר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

אוֹיף דֶעם זֶענֶען מִיר זִיךְ צוּזַאם גֶעקוּמֶען ׳לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל׳, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְז אוּן אוּנְז גֶעווִיזְן דֶעם רֶבִּי׳ן, אוּן מִיר קְרִיגְן נִישְׁט אוֹיפְן רֶבִּי׳ן, מִיר קוּקְן אַרַיין אִין רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, מֶען זֶעט אִין רֶבִּי ׳נָתָן׳ס בְּרִיוְון ווִי רֶבִּי נָתָן אִיז זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶה: ״בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר זֶענֶען נִישְׁט פוּן דִי מִתְנַגְדִים״, ״בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר צֶערַייסְן נִישְׁט דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים״, ״בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר קוּקְן אַרַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים״, ״בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶה מִיט דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים״.

## חֲנֻכַּת הַבַּיִת

אוֹיךְ זֶענֶען מִיר זִיךְ צוּזַאם גֶעקוּמֶען הַיינְט נַאכְט אוֹיף אַ מְסִבַּת ׳חֲנֻכַּת הַבַּיִת׳; פַאר קוּים דְרֵיי יָאר צוּרִיק הָאבְּן מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם שֵׁיינֶעם יִשּׁוּב דָא, דִי שֵׁיינֶע בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר קִרְיָה, אוּן עֶס ווֹאוֹינֶען שׁוֹין דָא אִיבֶּער הוּנְדֶערְט מִשְׁפָּחוֹת, מֶען גְרֵייט שׁוֹין אָן נָאךְ הַייזֶער, עֶס זֶעט אוֹיס אַז קוּמֶענְדִיגֶע יָאר וֶועט שׁוֹין זַיין צְוֵויי הוּנְדֶערְט מִשְׁפָּחוֹת, אוּן אַזוֹי וֶועלְן זַיין מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער מִשְׁפָּחוֹת וָואס וֶועלְן לֶעבְּן מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן.

אִיךְ וֶועל עֶנְק דֶערְצֵיילְן ווִי אַזוֹי דִי מוֹסָד הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע״א. עַל הַטּוֹב יִזָּכֵר ר׳ אַבְרָהָם מֹשֶׁה, עֶר הָאט אַוֶועק גֶעגֶעבְּן זַיין אוּנְטֶערְשְׁטֶע שְׁטָאק פַאר דִי חֵדֶר, אִין אָנְהֵייבּ אִיז עֶס גֶעוֶוען בְּלוֹיז צֶען צְוֶועלְף קִינְדֶער, נָאכְדֶעם אִיז עֶס שׁוֹין גֶעוָוארְן פוּפְצְן קִינְדֶער, זֶעכְצְן קִינְדֶער, בִּיז עֶס גֶעוָוארְן גְרֶעסֶער, הָאט מֶען שׁוֹין גֶעדַארְפְט צֶעטֵיילְן אִין צְוֵויי כִּיתּוֹת, אוּן דִי מֵיידְלֶעךְ זֶענֶען גֶעוֶוען אִין דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע שְׁטָאק בַּיי ר׳ מָרְדְּכַי אַהֲרֹן, עֶס הָאט גֶעדַארְפְט וֶוערְן גֶעהַאלְטְן בְּסוֹד סוֹדוֹת, כְּדֵי דִי שְׁכֵנִים זָאלְן נִישְׁט זֶען, זֵיי זָאלְן נִישְׁט קֶענֶען מַסֶרְ׳ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ נֵס אַז מֶען הָאט גֶעקֶענְט בַּאקוּמֶען דֶעם שֵׁיינֶעם בִּנְיָן, עֶס אִיז אַ נֵס פוּן הִימְל. יֶעדֶעס מָאל וֶוען אִיךְ פָאר דָא דוּרְךְ, טְרַאכְט אִיךְ ׳וֶוער גְלֵייבְּט עֶס נִישְׁט אִין תְּפִלָּה זָאל קוּמֶען קוּקְן דֶעם בִּנְיָן, דֶער בִּנְיָן אִיז אַ בִּנְיָן פוּן תְּפִלָּה, מִיר הָאבְּן דָאס בַּאקוּמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ מַתָּנָה׳, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם דָאס אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעוַואקְסְן אוּן מֶען הָאט מֶען שׁוֹין גֶעדַארְפְט קוֹיפְן נָאךְ אַ בִּנְיָן וָואס מִיר מַאכְן הַיינְט דֶעם חֲנוּכָּה הַבַּיִת.

אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיסְרֶעכֶענֶען אַלֶע נַדְבָנִים וָואס הָאבְּן גֶעהָאלְפְן צוּזַאמְשְׁטֶעלְן דֶעם סְכוּם צוּ קֶענֶען אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם נַייעֶם בִּנְיָן, אָבֶּער ... הָאט מְנַדֵּב גֶעוֶוען דֶעם 'שֵׁם הַבִּנְיָן', עֶס אִיז שְׁטַארְקֶע חִיזוּק פַאר אַלֶע בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה, עֶר אִיז נָאךְ אַייעֶר נֶעכְטְן גֶעוֶוען אִין יְשִׁיבָה, עֶר הָאט נֶעכְטְן חֲתוּנָה גֶעהַאט, און הַיינְט הָאט עֶר שׁוֹין מְנַדֵּב גֶעוֶוען אַ בִּנְיָן.

## הִתְיַיסְדוּת הַמּוֹסְדוֹת בִּשְׁנַת תש"ע

מִיר דַאנְקֶען און לוֹיבְּן דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אַז מִיר שְׁטֵייעֶן דָא, אִיךְ גֶעדֶענְק שְׁנַת תש"ע וֶוען מֶען הָאט אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן מַיינֶע קִינְדֶער פוּן דִי מוֹסָד וואו זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט, דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי גְרֶעסְטֶע נֵס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט מִיר אַז מֶען הָאט אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן מַיינֶע קִינְדֶער, פַארְוָואס הָאט מֶען אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן מַיינֶע קִינְדֶער פוּן דִי מוֹסְדוֹת? אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם נִישְׁט בַּא'גַנֶב'עֶט בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעשְׁלָאגְן, מֶען הָאט אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן מַיינֶע קִינְדֶער וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפֶנְט אַ יְשִׁיבָה און אִיךְ נֶעם אַרַיין בָּחוּרִים, וָוער עֶס וִויל קוּמֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה קֶען אַרַיין קוּמֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה, וָוער עֶס וִויל קוּמֶען לֵייגְן תְּפִילִין קֶען קוּמֶען לֵייגְן תְּפִילִין.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרָכוֹת כח.) דֶערְצֵיילְן, רַבָּן גַּמְלִיאֵל אִיז גֶעוֶוען דֶער נְשִׂיא בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל, רַבָּן גַּמְלִיאֵל אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטְרֶענְגֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שִׁיטָה אַז מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין יְשִׁיבָה נָאר בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען "תּוֹכוֹ כְּבָרוֹ", דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט סְתָּם אָנְטוּן אַ הִיט מִיט אַ רֶעקְל, נָאר אוֹיבּ דוּ בִּיסְט אִינֶעווֵייניג אוֹיךְ גוּט אַזוֹי וִוי דוּ שְׁטֶעלְסְט זִיךְ אַרוֹיס אִינְדְרוֹיסְן קֶענְסְטוּ אַרַיין קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה.

לְמַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְט דִי גְמָרָא אַז מֶען הָאט אִים אַרָאפּ גֶעשְׁטֶעלְט פוּן אַמְט, מֶען הָאט אוֹיפְגֶענוּמֶען רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה פַאר רֹאשׁ יְשִׁיבָה, רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה הָאט גֶעהַאט אַן אַנְדֶערֶע שִׁיטָה, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שִׁיטָה אַז וֶוער עֶר וִויל קוּמֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה זָאל קוּמֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה, מֶען הָאט גֶעעֶפֶנְט דִי טִיר, מֶען הָאט אַוֶועק גֶעשִׁיקְט דִי שׁוֹמְרֵי הַפֶּתַח, און עֶס אִיז דָא אַ מַחֲלֹקֶת וִויפִיל בֶּענְק מֶען הָאט גֶעדַארְפְט יֶענֶע טָאג אַרַיין נֶעמֶען אִין יְשִׁיבָה, אֵיינֶער זָאגְט זִיבְּן הוּנְדֶערְט בֶּענְק, און אֵיינֶער זָאגְט אַכְט הוּנְדֶערְט בֶּענְק, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט דִי פַארְצֵייטִישֶׁע בֶּענְק זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר לַאנְג, אוֹיף יֶעדֶע בַּאנְק זֶענֶען גֶעזִיצְן הוּנְדֶערְט מֶענְטְשְׁן, און דִי גַאנְצֶע בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִיז גֶעוָוארְן אָנְגֶעפִילְט.

## יֶעצְט וֶוערְסְטוּ צֶעפַאלְן? – עֶס וֶועט נָאךְ זַיין אַסַאךְ שֵׁיינֶע זַאכְן!

בָּרוּךְ הַשֵּׁם מֶען הָאט גֶעעֶפֶנְט דִי יְשִׁיבָה אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, מוֹהֲרָא"שׁ

הָאט מְיַסֵּד גֶעוֶוען דִי יְשִׁיבָה, שְׁנַת תשס״ט, בֵּין הַזְּמַנִּים פַּאר מֶען הָאט עֶס גֶעעֶפְנְט בִּין אִיךְ גֶעזִיצְן אִין אָפִּיס מִיט ר׳ אַבְרָהָם מֹשֶׁה, מֶען הָאט אַרוּמְגֶערוּפְן אַז מֶען גֵייט עֶפֶענֶען אַ יְשִׁיבָה, עֶס אִיז גֶעוֶוען שְׁרֶעקְלִיכֶע מַחֲלֹקֶת, הָאב אִיךְ אָנְגֶערוּפְן מוֹהֲרָא״ש אַז עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, הָאט מוֹהֲרָא״ש גֶעזָאגְט: **״יֶעצְט וֶוערְסְטוּ צֶעפַּאלְן? עֶס וֶועט נָאךְ זַיין אַסַאךְ שֵׁיינֶע זַאכְן!״** מִיר הָאבְּן חִילּוּקֵי דֵיעוֹת וָואס אִיז דֶער פְּשַׁט אִין דִי וֶוערְטֶער, אָדֶער מֵיינְט עֶס **״יֶעצְט וֶוערְסְטוּ צֶעבְּרָאכְן עֶס וֶועט נָאךְ זַיין אַסַאךְ זַאכְן אוֹיף וָואס צוּ זַיין צֶעבְּרָאכְן...״** אָדֶער פַּארְקֶערְט, **״יֶעצְט וֶוערְסְטוּ צֶעבְּרָאכְן? עֶס וֶועט נָאךְ זַיין אַסַאךְ שֵׁיינֶע זַאכְן״.**

בָּרוּךְ הַשֵּׁם מֶען הָאט גֶעעֶפְנְט דִי חֵדֶר מִיט אַפָּאר קִינְדֶער, אוּן דִי חֵדֶר הָאט זִיךְ צֶעוַואקְסְן, אוּן הַיינְט הָאבְּן מִיר שׁוֹין דָא אִין שְׁטֶעטְל מְלַמְּדִים וָואס זֶענֶען תַּלְמִידִים פוּן יֶענֶע חֵדֶר וָואס מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט בִּשְׁנַת תש״ע, נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר מְלַמְּדִים וָואס זֶענֶען תַּלְמִידִים פוּן יְשִׁיבָה.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם מֶען הַאלְט שׁוֹין דָא, דָאנֶערְשְׁטָאג בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען קוּקְן אַ דְרִיטֶע בִּנְיָן וָואס מֶען הָאט יֶעצְט אָפְּגֶעקוֹיפְט, עֶס קֶען אוֹיסְקוּקְן לַאכֶעדִיג, פַּארְוָואס מֶען קוֹיפְט שׁוֹין אַ דְרִיטֶע בִּנְיָן, עֶס קוּקְט אוֹיס וִוי מֶען קוֹיפְט פַּאר יֶעדֶע אִינְגְל אַ בִּנְיָן... – וַוארְטְס אוֹיס, עֶטְץ וֶועט זֶען וָואס דָא וֶועט זַיין, מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף וֶועט דָא זַיין הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער מִשְׁפָּחוֹת וָואס וֶועלְן לֶעבְּן מִיטְן רֶבִּי׳ן, אִין דֶעם גַאנְצְן פְּלַאץ אַרוּם וֶועלְן ווֹאוֹינֶען מִשְׁפָּחוֹת וָואס וֶועלְן לֶעבְּן מִיטְן רֶבִּי׳ן, לֶעבְּן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## מִיר קוּמֶען מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער צוּם רֶבִּי׳ן!

מוֹצָאֵי שַׁבָּת דֶערְצֵיילְט מֶען מַעֲשִׂיּוֹת, ווִיל אִיךְ עֶנְק דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק רֶבִּי יוּדְל, רֶבִּי יוּדְל אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער רֶבִּי, מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן רֶבִּי יוּדְל דַאשִׁיוֶוער, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד מֻבְהָק פוּן הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. ווִי אַזוֹי אִיז עֶר מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי׳ן? אֵיינֶע פוּן זַיינֶע אֵינִגֶעלַייט הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוּן דֶער אֵינְגֶערְמַאנ׳ס שְׁוֶוער הָאט גֶעווֹאוֹינְט אִין מֶעדְוֶועדִיבְקֶע, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַּאר זַיין תַּלְמִיד, ״אַז דוּ גֵייסְט קַיין מֶעדְוֶועדִיבְקֶע זָאלְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן, וַוייל דָארְט אִיז דָא עֶפֶּעס אַ נֵייעֶר רֶבִּי, אַ אִינְגֶערְמַאן, וָואס מֶען זִיךְ דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן אִים״, עֶר הָאט גֶעמֵיינְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

לְמַעֲשֶׂה אִיז דֶער אִינְגֶערְמַאן יָא אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים מוֹרָא׳דִיג מְחַזֵּק גֶעוֶוען, וֶוען עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען זֶעט זַיין רֶבִּי – רֶבִּי יוּדְל אַז דָאס אִיז עֶפֶּעס אַ נֵייעֶר תַּלְמִיד, עֶר אִיז פוּל מִיט חַיּוּת, פוּל מִיט

שִׂמְחָה.

דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי׳ן, דֶער רֶבִּי הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אַ חַיוֹת, אַ שִׂמְחָה אִין אַ מִצְוָה, אַז דוּ לֵייגְסְט תְּפִילִין, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה אַז דוּ טוּסְט אָן תְּפִילִין.

אִין בְּרֶסְלֶב פִּירְט מֶען זִיךְ אַז מֶען גֵייט אַ רִקּוּד נָאכְ׳ן דַאוֶוענֶען, וֶוען אַ פְרֶעמְדֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרַיין וואוּנְדֶערְט עֶר זִיךְ: ״וָואס טַאנְצְט מֶען דָא?״ - וָואס הֵייסְט פַארְוָואס?! וֶוען אֵיינֶער וָואלְט וֶוען פַארְדִינְט גֶעלְט וָואלְסְטוּ פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר גֵייט אַ טֶענְצְל? וֶוען אֵיינֶער וָואלְט גֶעוואוּנֶען דִי לַאטֶערִי וָואלְסְטוּ פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר גֵייט אַ טֶענְצְל? מֶען גֵייט אַ טֶענְצְל אַז מֶען הָאט גֶעדַאוֶוענְט, מֶען גֵייט אַ טֶענְצְל אַז מִיר הָאבְּן אֱמוּנָה, מֶען גֵייט אַ טֶענְצְל אַז מֶען הִיט שַׁבָּת, אַז מֶען הִיט מִצְוֹת.

דֶער רֶבִּי יוּדְל הָאט גֶעהַאט אִין זִיךְ אֱמֶת, הָאט עֶר אָפְּגֶעלָאזְט זַיין גַאנְצֶע חֲסִידוּת, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוּן אַלֵיינְס גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן פוּן דִי גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי׳ן.

אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן, אוּן זַיין זוּן הָאט אִים גֶעבֶּעטְן אַז עֶר וִויל מִיטְקוּמֶען, הָאט עֶר אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט מִיטְנֶעמֶען, וֶוען עֶר קוּמְט אָן צוּם רֶבִּי׳ן הָאט דֶער רֶבִּי אַלֶעס גֶעווּאוּסְט אוּן גֶעזֶען, רוּפְט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָן: ״הָאט אִיר שׁוֹין גֶעזֶען אַזַא פֶּלֶא? אַז אַ טַאטֶע קוּמְט צוּ פָארְן צוּ מִיר, עֶר וִויל הֶערְן חִיזוּק פוּן מִיר, גְלֵייבְּט עֶר דָאךְ אִין מִיר, וַוייל אוֹיבּ נִישְׁט פַארְוָואס קוּמְסְטוּ צוּ מִיר, פוּן דֶעסְט וֶועגְן אַז דֶער זוּן וִויל מִיטְקוּמֶען, זָאגְט מֶען אִים ׳נֵיין, עֶס אִיז נִישְׁט פַאר דִיר׳, קוּמְט אוֹיס אַז אִיךְ בִּין אַ פֶּלֶא!״

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוּן מִיר בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער צוּם רֶבִּי׳ן, וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מֶען אוּנְז גְלַייךְ גֶעזָאגְט: ״מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ בְּלַייבְּן גֶעהֶערְן צוּ אַ קְהִילָה, וַוייל אַז נִישְׁט וֶועלְן דִי קִינְדֶער אַוֶועקְפַאלְן; מֶען קוּמְט צוּ מוֹהֲרָא״שׁ הֶערְן אַבִּיסְל חִיזוּק, אָבֶּער דִי קִינְדֶער דַארְפְן הָאבְּן אַ גֶעהֶערִיגֶע פְּלַאץ, דָאס אִיז נִישְׁט פַאר זֵיי״.

## אַייֶערֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר זֶענֶען דָא אוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זֶענֶען דָא, דִי אֵיינִיקְלֶעךְ זֶענֶען דָא, עֶטְץ הָאט אַלֶעס פְרִיעֶר גֶעזֶען קְלֵיינֶע קִינְדֶער, זֶענֶען מְסַיֵּים מַסֶכְתּוֹת, בָּחוּרִים זֶענֶען מְסַיֵּים שַׁ״ס, אִינְגֶעלַייט זֶענֶען מְסַיֵּים שַׁ״ס[2].

2 פַארְן שִׁיעוּר אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אַ מַעֲמָד הַסִּיוּמִים פוּן אִינְגְלֶעךְ בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט, מִיר בְּרֶענְגֶען אַייךְ דָא אִין קוּרְצְן דִי סִיּוּמִים:

**אַ אִינְגְל הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען מַסֶכֶת בְּרָכוֹת,**

רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רט) אִיךְ בִּין אַמָאל גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ זָאגְן מִיט פַייעֶר: "אַיְיעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן", דֶערְצֵיילְט פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ רֶבִּי וָואס הָאט גֶערֶעדְט אַ גַאנְצְן צַייט נָאר פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ רֶבִּי וָואס הָאט גֶערֶעדְט פוּן תַּכְלִית, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ רֶבִּי וָואס הָאט גֶערֶעדְט פוּן דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ אִינְגֶל הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען מַסֶכֶת בְּרָכוֹת,

אַ אִינְגֶל הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען מַסֶכֶת בְּרָכוֹת מִיטְ'ן פְּלַאן צוּ עֶנְדִיגְן שַׁ"ס בַּיי זַיין בַּר מִצְוָה,

אַ אִינְגֶל הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען מַסֶכֶת בְּרָכוֹת,

אַ אִינְגֶל הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען סֵדֶר קָדָשִׁים מִשְׁנָיוֹת,

אַ אִינְגֶל הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען מַסֶכֶת מוֹעֵד קָטָן,

אַ אִינְגֶל הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען מַסֶכֶת יוֹמָא,

אַ אִינְגֶל הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען פֶּרֶק א' פוּן מַסֶכֶת שַׁבָּת,

אַ אִינְגֶל הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי צְוֵוייטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה,

אַ אִינְגֶל הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען מַסֶכֶת בָּבָא קַמָּא,

אַ בָּחוּר הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי זִיבֶּעטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה,

אַ בָּחוּר הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי אַכְט אוּן צְוָואנְצִיגְסְטֶע מָאל מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, דִי זֶעקְסְטֶע מָאל לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אוּן חַיֵי מוֹהֲרַ"ן,

אַ חָתָן הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי דְרִיטֶע מָאל שִׂיחוֹת הָרַ"ן,

אַ חָתָן הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען הַאלְבּ שַׁ"ס,

אַ בָּחוּר הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען סֵדֶר זְרָעִים מוֹעֵד נָשִׁים נְזִיקִין פוּן שַׁ"ס,

אַ בָּחוּר הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי נַיינְצְנְסְטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה,

אַ אִינְגֶל הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי צְוֵוייטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה,

אַ בָּחוּר הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען מַסֶכֶת בְּרָכוֹת,

אַ בָּחוּר הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי פִיפְטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה,

אַ בָּחוּר הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל מַסֶכֶת תַּעֲנִית,

אַ אִינְגֶל הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה,

אַ בָּחוּר הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי זֶעקְסְטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה,

אַ בָּחוּר הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי צְוֵוייטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה,

אַ בָּחוּר הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי פִיר אוּן פוּפְצִיגְסְטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה,

אַ אִינְגֶל הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען סֵדֶר נָשִׁים פוּן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה,

אַ בָּחוּר הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען גַאנְץ שַׁ"ס,

אַ חָתָן הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען גַאנְץ שַׁ"ס,

אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען גַאנְץ שַׁ"ס.

## דֶער פַּחַד פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ "וָואס וֶועט זַיין מִיט דִי קִינְדֶער?!"

ר׳ אַבְרָהָם הֶערְשׁ הָאט פְּרִיעֶר גוּט אַרוֹיס גֶעבְּרֶענְגְט דִי אַלְטֶע פַּחַד וָואס אִיז גֶעוֶוען, מֶען הָאט גֶעצִיטֶערְט 'וָואס וֶועט זַיין מִיט דִי קִינְדֶער?' וֶוען דִי שְׁטֶעטְל הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט אִיז עֶר אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען דָא וואוֹינֶען, עֶר הָאט אֲפִילוּ נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט קַיין דִירָה, עֶר הָאט גֶעווּאוֹינְט אִין אַ בָּאנְגֶעלָאוֹ אִין מֵיידְל קֶעמְפּ, פַּארְוָואס? וַוייל עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז דָא אִיז דָא אַ מוֹסָד וואוּ מֶען גֵייט נִישְׁט אַרָאפּ קְלַאפְּן זַיינֶע קִינְדֶער.

אוֹיבּ אַ קִינְד קֶען נִישְׁט אַזוֹי גוּט דִי לִימוּדִים דַארְף עֶר נָאכְנִישְׁט קַיין הִילְף. דוּ וֵוייסְט וָואס מֶען טוּט הַיינְט מִיט קִינְדֶער אִין דִי מוֹסְדוֹת? אוֹיף דִי מִינוּט וָואס אַ קִינְד אִיז אַבִּיסְל נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל פוּן יֶעדְן, דַארְף עֶר שׁוֹין גֵיין אוֹיף הֶעלְפּ, צוּ אַ דָאקְטֶער, עֶס אִיז אַ נֵס אַז אוּנְז זֶענֶען נָאךְ פוּנֶעם פְּרִיעֶרְדִיגְן דוֹר, שְׁטֶעל דִיךְ פָּאר וָואס מֶען וָואלְט גֶעטוּן מִיט אוּנְז, אוּנְז הָאבְּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אוּן אוּנְז הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט, אוּן מֶען הָאט עֶס דוּרְךְ גֶעשְׁטִיפְּט, מֶען הָאט אוּנְז נִישְׁט ארויפלייגט אוֹיף פִּילְן.

## מִיר הָאבְּן דֶעם רֶבִּי'נְ'ס מֶעדֶעצִין!

הַיינְט צֶעבְּרֶעכְט מֶען קִינְדֶער, יֶעדֶער וֶוערְט אַ קֶעיס, יֶעדֶער וֶוערְט אַ פְּרָאבְּלֶעם, אוּן מֶען דַארְף שׁוֹין פִּילְן, מִיר הָאבְּן אַפָּאר הוּנְדֶערְט קִינְדֶער אִין דִי מוֹסָד, קַיין אֵיין קִינְד אִיז נִישְׁט אוֹיף פִּילְן, קַיין אֵיין קִינְד גֵייט נִישְׁט אוֹיף טֶערֶעפִּי, וָואס טַאטֶע מַאמֶע טוּעֶן שְׁטִילֶערְהֵייט ווייס אִיךְ נִישְׁט, אָבֶּער מִטַעַם הַמּוֹסָד אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַ קִינְד זָאל דַארְפְן גֵיין אוֹיף הִילְף, מִיר הָאבְּן דֶעם רֶבִּי'נְס הִילְף, דֶעם רֶבִּי'נְס מֶעדֶעצִין, פוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן קִינְדֶער, "דוּ קֶענְסְט יָא", "דוּ בִּיסְט יָא", אַנְשְׁטָאט זָאגְן פַּאר אַ קִינְד: "דוּ קְלָאץ", "דוּ גוֹלֶם", זָאג אִים: "דוּ קֶענְסְט יָא".

דִי גַאנְצֶע חִינוּךְ וָואס דִי מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס זָאגְן אִיז: "**בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן**", אַז אַ קִינְד זָאגְט: "אִיךְ קֶען נִישְׁט", זָאגְט מֶען אִים: "**בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן**", פַּאר אַ בְּחִינָה, נָאךְ אַ בְּחִינָה אִינְמִיטְן אַ בְּחִינָה זָאגְט מֶען: "**בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן**", אִינְמִיטְן אַ שְׁפִּיל אוֹיבּ אַ קִינְד רוּפְט זִיךְ אָן: "אִיךְ קֶען נִישְׁט" זָאגְט מֶען אִים: "**בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן**", "דוּ וֶועסְט זֶען אַז דוּ קֶענְסְט יָא".

## צוּשְׁנַייד נִישְׁט כְּלַל יִשְׂרָאֵל אוֹיף צְוֵויי!

אִיךְ מוּז אוֹיךְ רֶעדְן פוּן דִי סִיוּם הַשַּׁ"ס פוּן אֵיינֶע פוּן דִי אִינְגֶעלַייט. אִין דִי וֶועלְט אִיז אָפְּגֶעמַאכְט אַזוֹי, אָדֶער בִּיסְטוּ פוּן דִי לֶערְנֶערְס אָדֶער בִּיסְטוּ פוּן דִי נִישְׁט לֶערְנֶערְס, אַ אִינְגֶערְמַאן מִיט אַ דְזְשִׁיפּ, מִיט אַ דְזְשֶׁעקֶעט, מִיט אַרְבֶּעטְס

קְלֵיידֶער זָאל עֶנְדִיגְן שַׁ"ס?! מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז שַׁ"ס אִיז גֶעמַאכְט פַּאר דִי לֶערְנֶערְס. מֶען נֶעמְט אַ שֶׁערְל אוּן מֶען צֶעשְׁנַיידְט כְּלַל יִשְׂרָאֵל אִין צְוֵויי, עֶס אִיז דָא דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לֶערְנֶען אוּן עֶס אִיז דָא דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זִיצְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.

קוּק וָואס דֶער רֶבִּי אִיז מְזַכֶּה אַ מֶענְטְשׁ, קוּק וָואס דֶער רֶבִּי מַאכְט מִיט אַ מֶענְטְשׁ, סֵיי דוּ בִּיסְט אַ לֶערְנֶער סֵיי דוּ בִּיסְט אַ נִישְׁט לֶערְנֶער - אִיךְ הָאבּ אַ שַׁיְיכוּת מִיט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ הָאבּ אַ שַׁיְיכוּת מִיט דִי תּוֹרָה.

אַסַאךְ מָאל קוּמֶען מֶענְטְשְׁן אַרוֹיף אִין יְשִׁיבָה זֵיי פְרֶעגְן מִיר: "וָואס אִיז מִיט דֶעם בָּחוּר'ל, דֶער שְׁוַואכֶער בָּחוּר'ל?" זָאג אִיךְ אִים: "דוּ וֵוייסְט אַז דֶער שְׁוַואכֶער בָּחוּר הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט מִשְׁנָיוֹת, דוּ הָאסְט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה! אוּן דוּ פְרֶעגְסְט מִיר וֶועגְן דֶער שְׁוַואכֶער בָּחוּר?!"

מֶען פְרֶעגְט מִיר: "וָואס אִיז מִיט דֶער אִינְגֶערְמַאן וָואס גֵייט אַזוֹי אוּן אַזוֹי אָנְגֶעטוּן?" אִיךְ עֶנְטְפֶער: "דוּ וֵוייסְט אַז עֶר לֶערְנְט גְמָרָא יֶעדְן טָאג, עֶר גֵייט נִישְׁט שְׁלָאפְן אָן גְמָרָא!".

## אַ שְׁטֶעטְל וָואס אַלֶע לֶערְנֶען!

מִיר הָאבְן אַ שְׁטֶעטְל, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַ אִינְגֶערְמַאן אִין שְׁטֶעטְל זָאל גֵיין שְׁלָאפְן אָן עֶפֶּענֶען אַ חוּמָשׁ, אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן אַ גְמָרָא!

אֵיינֶער אִיז גֶעקוּמֶען זוּכְן אַ דִירָה, עֶר גֵייט חֲתוּנָה מַאכְן אַ קִינְד, עֶר פְרֶעגְט מִיר אוֹיף אַ גֶעווִיסֶע גֶעגְנְט: "דָא אִיז דִי שְׁוַואכֶע גֶעגְנְט אָדֶער דִי גוּטֶע גֶעגְנְט?" "וואוּ זֶענֶען דִי שְׁוַואכֶע אִינְגֶעלַייט אוּן וואוּ זֶענֶען דִי גוּטֶע אִינְגֶעלַייט?" זָאג אִיךְ אִים: "עֶס אִיז אַלֶעס אֵיינְס, וֶוער אִיז דִי שְׁוַואכֶע וֶוער אִיז דִי גוּטֶע? דוּ קֶענְסְט אוֹיךְ אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען חוּמָשׁ, דוּ קֶענְסְט אוֹיךְ נֶעמֶען אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן עֶנְדִיגְן מִשְׁנָיוֹת!"

עֶר גֵייט אָנְגֶעטוּן אַ דְזְשֶׁעקֶעט, עֶס שְׁטֶערְט דִיר? עֶר ווִיל גֵיין אָנְגֶעטוּן אַ קָאלִירְטֶע הֶעמֶעד, עֶס שְׁטֶערְט דִיךְ? מִיר שְׁטֶערְט עֶס נִישְׁט, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ, אָבֶער אַלֶע לֶערְנֶען, יֶעדֶער עֶפֶנְט אוֹיף דִי גְמָרָא יֶעדְן טָאג, יֶעדֶער לֶערְנְט אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת, צְוֵויי פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, דְרֵיי פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אַ טָאג.

## דִי סִיּוּמִים אִיז שׁוֹין מֶער ווִי אַ דְרָשָׁה!

–דַאן אִיז גֶעוֶוען אַ סִיּוּם פוּן אַ

אִינְגֶערְמַאן אוֹיף שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה–

נָאכְ'ן סִיּוּם הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: וֶוער קֶען טְרַאכְטְן דִי ווִיפִילְטֶע מָאל עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט

מִשְׁנַיוֹת? קוּק אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט בַּיי מִיר אַלְס אִינְגְל אִין חֶדֶר, עֶר הָאט יֶעצְט גֶעעֶנְדִיגְט **"צְוֵויי הוּנְדֶערְט אוּן פִיר מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה!"**

קוּק תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, מֶען גֵייט נִישְׁט שְׁלָאפְן אָן עֶפֶּעְנֶען אַ מִשְׁנַיוֹת, דָאס אִיז שׁוֹין אַ תַּלְמִיד פוּן אַלְס קִינְד, נִישְׁטָא אַזָא זַאךְ פוּן גֵיין שְׁלָאפְן אָן אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, נִישְׁטָא אַזָא זַאךְ גֵיין שְׁלָאפְן אָן עֶפֶּעְנֶען אַ גְמָרָא.

מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן: **"וֶוער אִיז דִי שְׁוַואכֶע? דוּ דְרֵייסְט זִיךְ אוֹיךְ אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ? עֶס אִיז אוֹיךְ פַאר דִיר?"** – פַארְוָועם אוֹיךְ? פַאר דִיר אוֹיךְ? אוֹיבּ אֵיינֶער וִויל גֵיין אַ דְזְשֶׁעקֶעט וֶוערְט מֶען שְׁוַואךְ? וֶוען אֵיינֶער קוּמְט אַרַיין מִיט אַרְבֶּעטְס קְלֵיינֶער וֶוערְט מֶען שְׁוַואךְ? אַז אֵיינֶער גֵייט אָנְגֶעטוּן חֲסִידִ'ישֶׁע קְלֵיידֶער אוּן עֶר עֶפְנְט נִישְׁט קַיין אִידִישׁ סֵפֶר, אוּן דִי גַאנְצֶע קָאפּ לִיגְט אִים אִין

אִיךְ וִויל נִישְׁט זָאגְן וואוּ, אוּן עֶר רֶעדְט שְׁמוּצִיג, עֶר קֶען אוֹיךְ תְּשׁוּבָה טוּן, עֶר אִיז אוֹיךְ נִישְׁט שְׁוַואךְ, עֶר קֶען אוֹיךְ תְּשׁוּבָה טוּן.

אִיךְ וֶועל מְקַצֵר זַיין, דִי עֶצֶם זַאךְ אַז מֶען זֶעט אִינְגְלֶעךְ, בָּחוּרִים מִיט אִינְגֶעלַייט וִוי יֶעדֶער קוּמְט זִיךְ בַּארִימֶען מִיט זַיינֶע אוֹצְרוֹת, דָאס אִיז שׁוֹין מֶער וִוי אַ דְרָשָׁה.

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת אַז מֶען גֵייט זִיךְ מְקַבֵּל זַיין יֶעדֶער אֵיינֶער גֵייט אָנְהֵייבְּן אַ שִׁיעוּר אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, מֶען אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דֶער רֶבִּי אוֹיף שַׁבָּת חֲנוּכָּה גֵייעֶן מִיר הָאבְּן אַ שַׁיְיכוּת מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, וִוי אַזוֹי גֵיי אִיךְ לֶערְנֶען לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן? אִיךְ גֵיי זָאגְן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, נָאכְאַמָאל זָאגְן, אוּן נָאכְאַמָאל זָאגְן, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז דִי מֹחַ הָעֶפְנְט זִיךְ אוֹיף.

## דֶער עָתִיד פוּן אוּנְזֶער שְׁטֶעטְל!

מִיר ווֶעלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, מֶען וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תּוֹרָה, אוּן מֶען וֶועט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, אוּן מֶען וֶועט זוּכְן דָאס גוּטְ'ס אֵיינֶעם בַּיים צְוֵוייטְן דָאס אִיז דֶער עָתִיד פוּן אוּנְזֶער שְׁטֶעטְל, אוֹיבּ מֶען וֶועט זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶעם דֶעם צְוֵוייטְן, וֶוער וִויל מִיר הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי שְׁטֶעטְל? – וֶוער עֶס וִויל מִיךְ הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי שְׁטֶעטְל זָאל יֶעדְן טָאג גֵיין אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר הֵיילִיגֶע אוֹיגְן, אִיךְ זָאל זֶען נָאר גוּטְס בַּיי מַיינֶע שְׁכֵנִים, אִיךְ זָאל זֶען נָאר גוּטְס בַּיי חֲבֵרִים", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר גוּטֶע אוֹיגְן אִיךְ זָאל קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵא זַיין, אִיךְ זָאל יֶעדְן פַארְגִינֶען".**

אַז מֶען וֶועט זוּכְן דָאס גוּטְס אֵיינֶעם בַּיים צְוֵוייטְן, מֶען וֶועט גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט אֵיינֶעם דֶעם צְוֵוייטְן, מֶען וֶועט טוּן חֶסֶד אֵיינֶעם מִיטְ'ן צְוֵוייטְן, דָאס

אִיז דֶער עָתִיד פוּן אוּנְזֶער שְׁטָאט דָא.

## יֶעדֶער קֶען אָנְהֵייבְּן שַׁ״ס!

דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט גֶעעֶנְדִיגְט שַׁ״ס נָאר דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי אַן אַרְבֶּעטֶער הָאט גֶעעֶנְדִיגְט שַׁ״ס, אֶפְשָׁר וֶועלְן יֶעצְט נָאךְ אִינְגֶעלַייט טְרַאכְטְן אוֹיבּ עֶר קֶען עֶנְדִיגְן שַׁ״ס קֶען אִיךְ אוֹיךְ.

-דַאן אִיז גֶעוֶוען נָאךְ אַ סִיּוּם הַשַּׁ״ס פוּן נָאךְ אַ אִינְגֶערְמַאן-

## דִי מַעֲלָה פוּן דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט: מִיר הָאבְּן אַ רַייכֶע קְהִילָּה, מֶען דַארְף נִישְׁט זַיין מְקַנֵּא, דוּ קֶענְסְט אוֹיךְ אָנְהֵייבְּן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל גְמָרָא, דָאס אִיז דִי מַעֲלָה פוּן דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד, עֶס הָאט נִישְׁט צוּ טוּן צִי אִיךְ בִּין אִין דִי גִיסְטֶע פוּן לֶערְנֶען, צִי אִיךְ בִּין נִישְׁט אִין דִי גִיסְטֶע פוּן לֶערְנֶען, צִי אִיךְ הַאלְט בַּיים לֶערְנֶען, צִי אִיךְ הַאלְט נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען, - אִיךְ זָאג גְמָרָא, דִי קָאפּ לָאז אִיךְ לוֹיפְן אוּן אִיךְ זָאג גְמָרָא.

אַז מֶען הָאט נִישְׁט אַ חַבְרוּתָא, אָדֶער דֶער חַבְרוּתָא רוּפְט אַז הַיינְט בִּין אִיךְ אַבִּיסְל בְּעַצְבוּת הַיינְט קוּם אִים נִישְׁט, מָארְגְן אוֹיבּ דוּ וֶועסְט קוּמֶען מִיךְ אַרוֹיס שְׁלֶעפְּן פוּן בֶּעט אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען מִיט דִיר, - עֶס אִיז דָא אַמָאל אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִין אַ עַצְבוּת עֶר גֵייט נִישְׁט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּב, עֶר גֵייט נִישְׁט אַרוֹיס פוּן בֶּעט, עֶר אִיז שׁוֹין אַ וָואךְ צַייט אַיינְגֶעשְׁפַּארְט, אָבֶּער מִיטְ'ן דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד אֲפִילּוּ מֶען זָאגְט, דִי קָאפּ אִיז נִישְׁט דָא קֶען מֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען.

## וָואס טוּט אַ חָכָם?

דָא אִיז דָא אַ אִינְגֶערְמַאן אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה, וָואס אִיז גֶעפָארְן וואוֹינֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען זוּמֶער זָאגְן זוֹהַר, אִיךְ הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען מִיט אִים יֶעדְן שַׁבָּת צוּפְרִי לֶערְנֶען זֹהַר פַארְגַאנְגֶענֶעם זוּמֶער, הָאט עֶר שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט.

-דַאן אִיז גֶעוֶוען דֶער סִיּוּם פוּן אַ אִינְגֶערְמַאן אוֹיף סֵפֶר הַזּוֹהַר-

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעזָאגְט: קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט זַיין מְקַנֵּא, מֶען קֶען עֶס נָאכְטוּן, מֶען קוֹיפְט זִיךְ אַ זוֹהַר אוּן מֶען לֶערְנְט אַבִּיסְל, נָאךְ אַבִּיסְל, נָאךְ אַבִּיסְל, מֶען דַארְף עֶס נִישְׁט עֶנְדִיגְן אִין אֵיין טָאג, עֶס שְׁטֵייט אִין חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אַ טִיפֵּשׁ קוּמְט אַרַיין אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, עֶר גֶעבְּט אַ קוּק אוֹיף דִי סְפָרִים שַׁאנְק אוּן זָאגְט, ״עֶס אִיז נִישְׁט פַאר מִיר, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ עֶס

עֶנְדִיגְן?!" דֶער חָכָם קוּמְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אוּן זָאגְט: "וֶוער זָאגְט אִיךְ דַארְף עֶס עֶנְדִיגְן אִין אֵיין טָאג? הַיינְט וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען אַ פֶּרֶק, מָארְגְן אַ פֶּרֶק, בִּיז אִיךְ וֶועל עֶס עֶנְדִיגְן".

-דַאן אִיז פָּארְגֶעקוּמֶען אַ סִיוּם פוּן אַ אִינְגֶערְמַאן דִי פֶּערְצִיגְסְטֶע מָאל מִשְׁנָיוֹת-

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט: אַז מֶען הֶערְט אוּן מֶען זֶעט אַזוֹי סַאךְ סִיוּמִים דַארְף דָאס אוֹיפְוֶועקְן אַ מֶענְטְשׁ, אִיךְ גֵיי אַוֶועק פוּן דִי הַיינְטִיגֶע מְלַוֶה מַלְכָּה, אִיךְ הָאב מִיט גֶעהַאלְטְן אַזוֹי סַאךְ סִיוּמִים, אִיךְ הֵייב אָן מִשְׁנָיוֹת, אִיךְ הֵייב אָן גְמָרָא, אִיךְ הֵייב אָן אַ שִׁיעוּר אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אִיךְ הֵייב אָן אַ שִׁיעוּר אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ.

## בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁבַנִי זֶה תַּלְמוּד בַּבְלִי!

אִיךְ גֵיי עֶנְדִיגְן מִיט אֵיין קְלֵיינֶע וָוארְט וָואס מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט זַייעֶר אַסַאךְ אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כד.): "בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי זֶה תַּלְמוּד בַּבְלִי", בִּפְשָׁטוּת מֵיינְט עֶס אַז אִיז זַייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע טִיפֶע לִימוּד תַּלְמוּד בַּבְלִי, פְרֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ קֶען מֶען דֶען זָאגְן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא "בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי כְּמֵתֵי עוֹלָם (אֵיכָה ג, ו)?"

זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, "בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי" אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט עֶס אִיז מִיר פִינְסְטֶער, עֶס אִיז מִיר טוּנְקֶל, 'כְּמֵתֵי עוֹלָם', אִיךְ הָאב אַ טוֹיטֶע לֶעבְּן, אִיךְ הָאב אַ שְׁוֶוערֶע לֶעבְּן, אִיךְ הָאב אַ שְׁוֶוערֶע שְׁטוּב, אִיךְ בִּין אַלֵיינְס אַ שְׁוֶוערֶע מֶענְטְשׁ, "בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי" אִיךְ זִיץ אִין טוּנְקֶל, זָאגְט מֶען אִים "עֶס אִיז דָא אַן עֵצָה פַאר דִיר, תַּלְמוּד בַּבְלִי" נֶעם דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא.

הֶער נִישְׁט אוֹיס קַיין לֵצִים, אוּן זִיכֶער נִישְׁט בְּרֶסְלֶבְ'עֶר לֵצִים וָואס וֶועלְן זָאגְן "עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי", אוּן "עֶס אִיז נִישְׁט אַהֶער", אוּן "דָאס אִיז נִיט דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ", נֶעם אַ גְמָרָא הֵייב אָן זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי לִיכְטִיג עֶס וֶועט דִיךְ וֶוערְן, אוֹיפְ'ן פָּסוּק (אֶסְתֵּר ח, טז): "לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה" זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (מְגִילָּה טז:): "אוֹרָה זוּ תּוֹרָה", עֶס מַאכְט לִיכְטִיג פַאר אַ מֶענְטְשׁ.

אַ בָּחוּר וָואס עֶס אִיז אִים פִינְסְטֶער, עֶר דַארְף אַ שִׁידוּךְ, וָואס זָאל עֶר טוּן, אִיךְ פְּרוּבִּיר שׁוֹין אַלֶע מִינֵי סְגוּלוֹת, - זִיץ אִין דִי זַייט מִיט אַ גְמָרָא זָאג דַפִּים גְמָרָא, אַ אִינְגֶערְמַאן אִיךְ הָאב שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט, עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער מִיט מִיר, עֶס מִיר שְׁוֶוער מִיט מַיין פַּרְנָסָה, עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער מִיט דִי וַוייבּ, - זֶעץ זִיךְ אַוֶועק אִינְדֶערְהֵיים נֶעם אַ גְמָרָא, בְּלֶעטֶער דִי גְמָרָא, זִינְג דִי גְמָרָא, עֶס וֶועט דִיר לֶעכְטִיג וֶוערְן, אוּן אַז "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען" - דַארְפְסְט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, זָאג דִי וֶוערְטֶער.

## לֵיצָנוּת

"אָבֶער אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַ לֵץ אַז עֶס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט..." שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי ט, יב): "אִם חָכַמְתָּ" אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז קְלוּג, "חָכַמְתָּ לָּךְ" בִּיסְטוּ קְלוּג פַאר דִיר, "וְלַצְתָּ" אוּן אַז אֵיינֶער מַאכְט לֵיצָנוּת, "לְבַדְּךָ תִשָּׂא" מַאכְסְטוּ לֵיצָנוּת פוּן זִיךְ אַלֵיינְ'ס, אֵיינֶער וָואס לַאכְט פוּן זָאגְן מִשְׁנָיוֹת, אֵיינֶער וָואס לַאכְט פוּן זָאגְן גְמָרָא, עֶר לַאכְט פוּן זִיךְ, עֶר מַאכְט לֵיצָנוּת אוֹיף זִיךְ, עֶר מַאכְט נִישְׁט קֵיין לֵיצָנוּת פוּן דֶעם עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען אַרַיין נֶעמֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער אוּן לֶעבְּן מִיט דֶעם, מִיט 'תּוֹדָה וְהוֹדָאָה', 'אֱמוּנָה', 'הִתְבּוֹדְדוּת', 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד', 'שִׂמְחָה'; זִיךְ מְחַיֶּה זַיין, זוּכְן אִין זִיךְ גוּטְס, נִישְׁט זִיךְ אַרָאפּ קְלַאפְּן "אִיךְ בִּין נִישְׁט גוּט", זוּךְ אוֹיף אִין דִיר דָאס גוּטְס, 'אָהּ, אִיךְ הָאבּ גֶעהִיטְן שַׁבָּת', 'אָהּ, אִיךְ גֵיי מִיט פֵּיאוֹת', 'אָהּ, אִיךְ גְלֵייבּ אִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן'.

בִּיז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זוֹכֶה זַיין, אַז מִיר וֶועלְן אַרַיין בְּרֶענְגֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס לִימוּד אִין דֶער וֶועלְט, וֶועלְן מִיר זִיךְ קֶענֶען גֵיין גְרֵייטְן אוֹיף דִי גְאוּלָה, אָמֵן.

כולל
היכל
הקודש

בנשיאות
הראש ישיבה
שליט"א

התודה והברכה
לידידינו היקר
ר' פנחס דאסקאל הי"ו
שנדב סכום הגון לכולל